בס"ד / שנה ו' / פרשת נשא / נומער 312

# קרענצל



## גליון היכל הקודש דערגרייכט נומער 750!

די שטילע התחלה פונעם גליון | **די אפקלאנג דערפון אין די גאנצע וועלט** | וואס האט מוהרא"ש מגיב געווען דערויף | **א רייכע שמועס מיטן עורך פונעם גליון הרב מרדכי אינדיג שליט"א.**

**א באריכט פונעם הערליכן יום טוב**
שטעטל נייעס

**סקיזריטי' אין לופטפעלדער ווערט פארבעסערט**
וועלטליכע נייעס

**הכרת הטוב פאר אלע וואלונטירן**
עירנו

**די ציין ווייטאג איז פארשוואונדן**
מעשה פון תפילה

# שלא תמוש התורה מפי

א גריס פון יום טוב שבועות אין קהילת היכל הקודש

בס"ד
נשא ב'
תשפ"ו
**נומער**
**313**
שנה ו'

**06** שטעטל נייעס
**14** עירנו
**16** וועלטליכע נייעס
**17** אלק און אלטעמען
**18** מעשה פון תפילה
**20** בריוו פון ראש ישיבה
**24** גליון 750
**32** היכל הלכה
**36** געדאנקען
**39** א בליק אויף צוריק
**40** געשעענישן
**43** בילדער פון יו"ט














**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

פון טיפן הארצן טוען
מיר וואונטשן בשם אלע
תלמידים א הערצליכן

# ברכת מזל טוב

פאר אונזער חשובער

## ראש ישיבה שליט"א
## וזוגתו תחי'

צו די געבורט פון א
אינגל אייניקל ביי

## הרב אלחנן רוטה שליט"א

דער אייבערשטער זאל העלפן דער
ראש ישיבה זאל זען אסאך אידיש נחת
פון דעם קינד און אלע קינדער און
אייניקלעך געזונטערהייט. און ווייטער
האבן כח אנצוגיין מיט די הייליגע
ארבעט פון פארשפרייטן דעם
אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט.

*וואונטש בלעטל | אינדערהיים | קינדערהיים*

*sruliHeskel


כולל היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א
ארויסגייענדיג פונעם דערהויבענעם קבלת התורה ווי מען האט געפלאמט ביי אקדמות, זיך אויסגעבעטן ביי אהבה רבה, געהארעוועט ביים תיקון און געדאנקט דעם אייבערשטן ביים סעודה - טו איך אויף למעשה, דורכ'ן זיך איינהאנדלען אן אייביגן זכות אינעם כולל אונזערע, ווי איידער לאזן מיין התעוררות פורחות באויר.
רופט היינט די גבאים:
הר"ר משה ארי' שניצלער הי"ו:
347.585.6166
הר"ר יוסף זינגער הי"ו:
347.764.2979

dominogrp.com

# ן וועג
# יים

מתן שכרה:
מסיבת הכרת הטוב
מיטן ראש ישיבה
מיט אייער זכות
פון $3600
והלאה

| | | | |
|---|---|---|---|
| $10000 | $5000 | $3600 | $1800 |
| $834 לחודש | $417 לחודש | $300 לחודש | $150 לחודש |
| פרנס השנה | פרנס החודש | פרנס השבוע | פרנס היום |

# שטעטל נייעס



## הערליכער יו"ט שבועות אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

עס איז זייער שווער איבערצוגעבן א באריכט פונעם געהויבענעם יום טוב שבועות צווישן אנשי שלומינו וועלכע זענען זיך צוזאם געקומען אין שטעטל. אלע זענען געקומען מיט א גרויסע שמחה ווידער צו מקבל צו זיין די תורה, און זיך אויפפרישן מיט די שמחה אז מיר זענען אידישע קינדער, וואס קענען מקיים זיין די תורה ומצוות.

דא וועלן מיר איבערגעבן א קורצע באריכט אויפן שפיץ גאפל, וויאזוי דער יום טוב איז דורכגעגאנגען אינעם גרויסן בית המדרש אינעם ברסלב'ן שטעטל, במחיצת פונעם ראש ישיבה שליט"א.

די הכנות צום יום טוב האבן זיך אנגעזען אין אלע ווינקלען; משפחות אינעם שטעטל האבן אריינגענומען געסט פון אנדערע געגנטער, און דא און דארט האט מען געזען מאבילס זיך שלענגלען איבער די גאסן, וואו פילע זענען געקומען זיך איינקווארטירן אויף יום טוב, כדי צו קענען מיטהאלטן דעם שיינעם יום טוב אין שטעטל.

אזוי אויך האט מען העפטיג געארבעט אין די טעג פאר יום טוב אהערצושטעלן אלעס וואס פעלט זיך אויס. מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו האט אהערגעשטעלט א מייסטערהאפטיגע חופה דעקארירט מיט בלומען אינעם גרויסן שול, פון וואס דער עולם האט גאר שטארק הנאה געהאט און געהאט אן עונג יום טוב.

מיט אזא געהויבענע שטימונג איז מען אריין אינעם יום טוב, און זיך געטראפן אין שול דעם ערשטן נאכט יום טוב, וואו מען האט זיך באגריסט איינער דעם צווייטן מיט א ווארימען "שלום עליכם" און א פריילעכן שמייכל.

### די ערשטע נאכט יום טוב

דער דיין שליט"א איז צוגעגאנגען צום עמוד צום ערשטן מנחה פונעם יום טוב, און איינגעלייטעט דעם יום טוב מיט א ווארימע תפלת מנחה.

צו מעריב האט מען געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען בעל תפלה און אנגעהויבן בקול אדיר וחזק דעם "ברכו", און אריינגעברענגט דעם זיסן יום טוב'דיגן אטמאספערע אין בית המדרש. גלייך נאכן דאווענען האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פריילעכע טאנץ, אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו.

### תיקון ליל שבועות

נאך די סעודה איז דער גרויסער בית המדרש ווידער פול געווארן מקצה אל הקצה - מיט זיידעס, טאטעס, בחורים און קינדער. עס איז געווען א מחזה הוד צו זען ווי אלע זיצן און מען גרייט זיך צו קבלת התורה מיט'ן זאגן דעם תיקון ליל שבועות אויף די וועג וויאזוי האט אויסגעלערנט די ערשטע און לעצטע פסוק

גרשון קרעמער

פון יעדע סדרה.

במשך די נאכט האט מען געזונגען אינאיינעם שיינע ניגונים פון חיזוק און אמונה, נאכן ענדיגן די פסוקים פון תנ"ך האט מען געזינגען און געטאנצן פרייליכע ניגונים. אזוי אויך ביים זאגן די תרי"ג מצות האט מען געזינגען פרייליכע ניגונים פון אשרינו מה טוב חלקינו וכדומה.

איינס פון די ניגונים איז געווען אויף די ווערטער וואס דער הייליגער רבי האט געוויינט צום אייבערשטן: "אייבערשטער איך וויל זיין א איד, איך וויל זיין אן ערליכער איד", וואס דאס האט מען אפאר מאל איבערגעזינגען.

נאכן ענדיגן דעם גאנצן תיקון האט דער ראש ישיבה געזאגט: הלוואי וואלטן אלע געוויסט אז מען דארף נאר זאגן דעם ערשטן און לעצטן פסוק אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש, וואלטן אלע גרינגערהייט געקענט זאגן דעם תיקון ליל שבועות.

## עלות השחר

נאך די לעכטיגע נאכט, ביי עלות השחר האט זיך דער גאנצער ציבור ארויסגעלאזט אין א רקידה, דאנקענדיג דעם אייבערשטן אז מען האט זוכה געווען אזוי שיין אפצורכטן דעם תיקון, דערנאך איז דער ציבור געגאנגען אין מקוה זיך מטהר געווען, און מקבל זיין אויף זיך די גרויסע תיקונים וואס די מקוה פון שבועות פארטאגס איז ממשיך.

## די ערשטע טאג שבועות

דער ערשטער טאג יום טוב אינדערפרי, איז דער ראש ישיבה שליט"א שוין געזיצן אינעם געשמאקן וועלדל אונטערן בית המדרש, ביי א טישל אונטער די ביימער, וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט זוהר הקדוש ווי אנ"ש געבן איבער האט מען געשפירט ביי דעם שיעור א טעם גן עדן.

דער גבאי מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו איז צוגעגאנגען צו פסוקי דזמרה, צו שחרית און הלל האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה שליט"א. די שיינע בענקעדיגע ניגון פון אהבה רבה האט אדורכגעלעכערט די הארץ פון אלע אין בית המדרש, אלע האבן זיך גוט אויסגעבעטן צו קענען לערנען די תורה און מקיים זיין די מצות. ווי לעכטיג און זיס און געווען ווען מען האט געהאט די זכי' צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א די בענקעדיגע ווערטער מיט'ן נאסטאלגישן ניגון "אקדמות מילין - ושריות שותא", פון וואס די הארץ איז צוגאנגען פון מתיקות. מוסף האט מען געהערט די שיינע דאווענען פון מו"ה אברהם דאנציגער הי"ו פון טאהש.

## מעמד הסיומים

ווי איינגעפירט אין די לעצטע יארן, קומען ארויף פילע מסיימים די ערשטע טאג שבועות נאך שחרית, עס האבן זיך געשלענגעלט א לאנג שורה פון קינדער וואס האבן מסיים געווען יעדער איינער וואס ער האט זוכה געווען, עס זענען געווען סיומים פון תהלים, חמשה חומשי תורה, גאנץ תנ"ך, פילע מסכתות הש"ס, גאנץ משניות.

בפרט האט זיך אנגעזען דער גרויסער וואונדער ווי א קינד אונטער די בר מצוה יוסף פעלדמאן ב"ר משה יחיאל, און א בחור פון ישיבה וואלווי מיטעלמאן נ"י האט זוכה געווען צו לערנען און צו ענדיגן גאנץ ש"ס.

אלע האבן באוואונדערט די רייכע קהילה, וואס פארמאגט אזא רייכטום מיט וואס עס לוינט זיך אויפצוטון דערמיט, אן עשירות וואס קיינער קען נישט צונעמען. מען האט געזען די ציידעס שעפן פילע הויפענעס פון נחת און ווישן זיך די טרערן פון איבערגענומענקייט און שמחה.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א אופגעטרעטן מיט גאר ווארימע דיבורים, מען זאל זיך אפלערנען פון די קינדער וואס נוצן אויס זייער פרייע צייט מיט לימוד התורה, און מען זעט ווי ווייט מען קומט אן ווען מען נעמט אן דעם הייליגן רבינ'ס ווערטער בתמימות ובפשיטות, צו וואס יעדער קען זוכה זיין.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט זייער הנאה צו זען

# שטעטל נייעס

לעצטנס אז מ'דרייט זיך ארום מיט די משניות'לעך וואס פיט אריין אין טאש, מ'זעט עס איז געווארן א התעוררות איבער דעם, דאס איז זייער א גוטע זאך, ווייל משניות האט א געוואלדיגע כח, דער הייליגער בית יוסף איז צוגעקומען צו גרויסע זאכן נאר דורך זאגן משניות אזוי ווי ער אליין האט פארציילט און דאס אראפגעשריבן, אז ער האט געהאט א מגיד וואס איז געקומען צו אים און אים געזאגט סודות התורה, נאר נאכן זאגן אסאך פרקים משניות, איין מאל האט ער געזאגט אין איין צי פערציג פרקים משניות.

נאכמיטאג איז מען זיך צאמגעקומען און דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט די שטר התנאים וואס מען פירט זיך פארצולערנען. דערנאך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון די גרויסקייט פון זיין ביים הייליגן רבי'ן די דריי צייטן פונעם יאר, ראש השנה, שבת חנוכה און יום טוב שבועות, וואס דער רבי האט געזאגט אז ווער עס וועט זיין ביי אים די דריי צייטן וועט ער ארויסנעמען פון עולם התוהו.

### די צווייטע טאג שבועות

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, דעם צווייטן טאג איז אויך אדורך מיט גרויס דערהויבענקייט, די דאווענען פונעם ראש ישיבה שליט"א האט אפגעקלינגען אינעם גאנצן היכל, אלע האבן זיך גוט אויסגעבעטן צו האבן א קשר מיט די תורה א גאנץ יאר, נישט נאר שבועות אינטערן טלית.

ביים קידוש האט מען פארגעלערנט די סוף פון די מעשה פון די בעל תפילה, וואס האט ממאס געווען אין געלט. דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון דעם וואס מען זעט אז עס זענען דא ערליכע אידן, באמת ערליכע אידן, אבער צו זיין ריין פון תאוות ממון דאס באקומט מען נאר ביים הייליגן רבי'ן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט: איין טאג ווען איך האב געדאווענט אין א שול נעבן מיין הויז אין וויליאמסבורג, האבן אפאר אינגעלייט געשמועסט דארט וועגן די ברסלב'ע שטעטל, איינער האט געזאגט אז ער איז געווען דארט אין שול, אלעס איז זייער שיין, אבער ער האט געזען דארט אן אינטערעסאנטן מענטש, ער טאנצט זיך אזוי אינטער ביים דאווענען, ווער איז דאס, וואס איז די מעשה מיט אים?

האט איינער פון דער ראש ישיבה'ס קינדער זיך אנגערופן: "יענער האט געלט". האט זיך יענער אנגערופן: "אזוי?!!! א שאד איך האב דאס נישט געוויסט"......

דער הייליגער רבי האט די כח דאס אויסצורייסן פון אונז, און אונז ווייזן וואס איז באמת חשוב, לערנען יעדן טאג די שיעורים איז חשוב, רעדן צום אייבערשטן איז חשוב.

ביי נעילת החג וואס איז געווען צוזאמען מיט שלש סעודות האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט די כתובה, דערנאך האט מען געזינגען ניגוני שבועות, דערנאך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט שיחות הר"ן סימן צ"א א סגולה להתמדת התורה נישט צו רעדן אויף קיין שום איד, ווייל יעדער איד איז אן אות אין די תורה, און אויב איין אות איז נישט געשריבן איז די גאנצע תורה פסול, אזוי אויך דארף מען וויסן אז דער מענטש אליין איז דאך אויך אן אות אין די תורה במילא טאר מען אויף זיך אליין אויך נישט רעדן און זיך אראפקלאפן.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: איך האב פאר דיר א גוטע פאדקעסט צו קוקן, מאך דיר א שיעור אין מדרש רבה, דו מיזט עס זען איך זאג דיר וועסט הנאה האבן.

אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון קומען דאווענען אין שול שחרית מנחה מעריב, וואס נאר דורכדעם האט מען הצלחה, אזוי אויך דארף מען אהיימגיין צו די ווייב אין קינדער נאך פינף אדער זעקס אזייגער.

מוצאי יום טוב האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ פאר אריבער א שעה, זינגעדיג דעם פרייליכן ניגון פון "תורת ה' תמימה משיבת נפש" אלע האבן זיך געפריידט און געטאנצן אז מען האט די זכי' צו האבן אזא לעכטיגע ווינקל וואס מען לערנט מיט אונז אזאלעכע גוטע ניצבארע עצות פארן לעבן.

### תורה השם תמימה משיבת נפש

## העדליכע דירה

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען אויף שבתים, און אויפן זומער.
אנטהאלט דריי גרויסע שלאף שטובער, א גרויסע דייניג רום,
קאך מיט אלע צוגעהערן, לינען צוגעשטעלט. walk in

**רופט 347–731–3144**

## העדליכע דירה

א העדליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן
זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט

**רופט 917–501–5100**

## דירה צו פארדינגען

א העדליכע 2 בעדרום דירה גלייך נעבן די ירושלים גאס, שטייט
צו פארדינגען פאר שבתים, ימים טובים, און אזוי אויך פאר גאנץ
זומער.

**רופט הערשל בוים**

**347–786–1767**







## דירה צו פארדינגען

א שיינע גרויסע רחבות'דיגע דירה אין טווין ברידזש געגענט צו
פארדינגען פארן זוממער.

**רופט לייבי ראטה**

**347–578–4449**

## דירה צו פארדינגען

א העדליכע דירה שטייט צו פארדינגען פארן זוממער.
אנטהאלט 2 שיינע בעדרומס, א קאך און געשמאקע דיינוג רום.

**רופט ליפא שווארץ**

**917–541–1197**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

### מו"ה אלחנן רוטה שליט"א

וזוגתו נחמה אסתר תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

### און א מזל טוב פאר די זיידע און באבע אינדיג שתחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

### מו"ה יודא לייב ווייס הי"ו

וזוגתו שפרה תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

### מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו

וזוגתוביילא תחי'

### צו די בר מצוה פון זייער זון למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

קרן ה

# פרנס השנה

מו"ה
יצחק אייזיק
ראטה
הי"ו

מו"ה
שלמה זלמן
גלאנשטיין
הי"ו

הרוצה
בעילום
שמו

מו"ה
יקותיאל
פעלדמאן
הי"ו

הרוצה
בעילום
שמו

מו"ה
זלמן לייב
מייזעלס
הי"ו

מו"ה
מאיר
וויזעל
הי"ו

מו"ה
יעקב
האלפערן
הי"ו

## פרנס החודש

### ניסן

לע"נ ר' צבי הירש
בן ר' בנימין אייזיק ע"ה

לע"נ ר' יצחק
בן ר' אברהם ע"ה

מו"ה יחזקאל
זיגלער הי"ו

### סיון

מו"ה ראובן
בירנבוים הי"ו

מו"ה אפרים
פעלדמאן הי"ו

מו"ה בניהו
אונגאר הי"ו

### אב

מו"ה יעקב
שאול פיש הי"ו

מו"ה שלמה
יאקאבאוויטש הי"ו

מו"ה אלי
קנאלל הי"ו

### אייר

לע"נ אברהם חיים אלטר
בן ר' ידידיה ע"ה

מו"ה אשר
לעווי הי"ו

מו"ה משה
האמער הי"ו

### תמוז

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה יהודה אריה
ראטה הי"ו

### אלול

מו"ה עלי
מזרחי הי"ו

מו"ה לוי יצחק
זאפיר הי"ו

הרוצה
בעילום שמו

מיר ווילן אויס
הכרת הטוב
הנכבד פא

## חודש

מו"ה ראובן
מו"ה אפרים
מו"ה בניהו

דער אייבע
העלפן אז אין
און פארש
הייליגן רבין
דיר דער א
ערפילן כל מ

*sruliHeskel

דפסה
...ל הקודש ברסלב
...ל ותלמידיו הקדושים בעלם

# פרנס השנה

מו"ה
דוד
טשינגל
הי"ו

מו"ה
מרדכי
היימליך
הי"ו

מו"ה
מרדכי לייב
טירנויער
הי"ו

מו"ה
ישראל דוד
העסקעל
הי"ו

מו"ה
אברהם
שבתי
מזרחי
הי"ו

מו"ה
אשר לעמיל
זוסמאן
הי"ו

מו"ה
שלמה
לאנדא
הי"ו

מו"ה
יואל
אפענהיים
הי"ו

# פרנס החודש

### תשרי

מו"ה שלמה
בריסק הי"ו

מו"ה אהרן
וועבערמאן הי"ו

מו"ה חיים ישעי'
דעפריס הי"ו

### כסלו

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה שאול חיים
איינהארן הי"ו

### שבט

מו"ה שלום יצחק
מאסרי הי"ו

מו"ה יוסף הכהן
פריעדמאן הי"ו

### חשון

מו"ה דוד
מץ הי"ו

מו"ה יואל
ראזענבערג הי"ו

מו"ה נחמן נתן
בוים הי"ו

### טבת

מו"ה יואל
מארקאוויטש הי"ו

מו"ה משה
עקשטיין הי"ו

### אדר

מו"ה יואל
טייטלבוים הי"ו

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה אפרים אשר
הלוי ענגליש הי"ו

סדריקן אונזער
פאר ידידינו
רן מנדב זיין

## ט סיון

בירנבוים הי"ו

פעלדמאן הי"ו

אונגאר הי"ו

רשטער זאל
זכות פון דרוקן
פרייטן דעם
ס ספרים זאל
ייבערשטער
משאלות לבך.



# א לעבנס-געשיכטע וואס האלט אינמיטן פאסירן.

נישט א שפיל וואס וועט פארקומען.

און די מעין אקטיאר איז נישט קיין צווייטער ווי... ד ו.



# לעבנסגעשיכטע

# אידנו

## נייע קהילה אפיס

נאך אסאך ארבעט פון די חברי הנהלה אין די לעצטע שטיק צייט עס צו קענען מאכן געשען, האבן די אפיסעס פון די קהילה געמופט צום בנין אויף 37 לינקאלן פלעיס. ווי עס פלעגט אמאל זיין די ישיבה קטנה.

אין די אפיסעס ווערט געפירט די גאנצע אפעראציע פון קהילת היכל הקודש. די עירוב, בתי מדרשים, כולל, מקוואות, באזאר, מצה בעקריי, ילד שעשועים, קיאסק, אלע קעמפס און בנינים. מיטן אייבערשטנ'ס הילף האפן מיר אז אין די נייע פלאץ וועט מען קענען פארברייטערן דעם אפיס און קענען בעסער דינען די געברויכן פון די קהילה.

מיר ווילן זיך באדאנקן פארן חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו, וואס האט אין די פארגאנגענע חדשים אוועקגעגעבן פלאץ פון זיין פריוואטע אפיס פאר די קהילה אפיסעס. דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל אין דעם זכות האבן פיל הצלחה.

## קליינע געשאנק אלץ הכרת הטוב

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט די הנהלה ארויסגעשיקט פארגאנגענעם ערב שבועות א קליינע מתנה פון הכרת הטוב פאר עטליכע צענדליגע משפחות פון אנ"ש וואס העלפן ארויס די קהילה במשך דעם גאנצן יאר וואס ציילט זיך א סך הכל פון 150 וואלונטירן.

די הנהלה האט א גרויסע הכרת הטוב צו די פילע משפחות און יחידים וואס שטייען במשך דעם גאנצן יאר צו הילף פאר די קהילה, אסאך פון וואס די קהילה טוט און קען אויפטון קומט נאר א דאנק די מענטשן וואס זענען גרייט צו געבן פון זייער צייט, כח און אייגענע באקוועמליכקייט כדי צו העלפן ווען עס פעלט אויס.

עס איז קלאר אז די הילף וואס אלע טייערע חברים טוען פאר די קהילה קען מען נישט באצאלן, דאס קען נאר דער אייבערשטער. אבער מיט דעם קליינעם מתנה האט מיר געוואלט ווייזן אז אלעס וואס מען טוט פאר די קהילה ווערט געשעצט און באמערקט, און מיר זענען זייער דאנקבאר פאר אלע אנ"ש וואס העלפן אונז.

מיר ווילן זיך אנטשולדיגן פאר אלע טייערע חברים וואס העלפן אונז ארויס, אויב עס איז נישט אנגעקומען צו זיי די מתנה. מיר האבן זיך דערזען מיט א לאנגע ליסטע פון צענדליגע אנ"ש וואס מיר ווילן מכיר טוב זיין, און מיר האפן אז אלע האבן באקומען זייער פארדינטע הכרת הטוב.

אין די זעלבע צייט ווילן מיר אויסדרוקן נאכאמאל אונזער הכרות הטוב פאר אזויפיל אנ"ש וואס העלפן אונז ארויס דורכאויס דעם יאר. מיר האבן צום ערשטן מאל געזען וויפיל טייערע חברים פון שטעטל זענען א טייל פון די הנהלה און העלפן אונז ארויס מיט אלעס וואס מען דארף. א גרויסן יישר כח פאר אלע וואס העלפן אונז א גאנץ יאר.

## דענטיסט פארן שטעטל

די קהילה ארבעט אצינד אויף א פלאן צו ברענגן א גוטע היימישע דענטיסט דא אין די געגנט, נאך וואס מען מוטשעט זיך זייער שטארק מיט א מאנגל אין גוטע דענטיסטס אין די געגנט, בפרט פאר די קינדער, און מען דארף פארן זייער ווייט צו באקומען גוטע באהאנדלונג.

מיר קוקן ארייין אין א פלאן צו ברענגן א דענטיסט, וואס קומט מיט א מאביל פולשטענדיג אויסגעשטאט מיט אלע

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## פרשת נשא ב'
## י"ד סיון

הדלקת הנרות .. 08:06

מוצאי שבת ...... 09:38

**מנחה**
**מעריב**
פרשת
בהעלותך
09:23

**כאנים לשבת קודש**

צוגעהערן, בעיקר צו קענען אנטערזוכן אלע קינדער זיכער צו מאכן אז די ציינער זענען אין א גוטע צושטאנד.

יעצט אין די זומער טעג וועט די קאמפאני האבן א מאביל דא לאקאל אין אפסטעיט, ווער עס וויל קען גיין אויספרובירן אויב מען איז צופרידן מיט זייער סערוויס און ארבעט, און לאזן מעלדן פאר הנהלה וויאזוי עס איז געווען. אויב משפחות זענען צופרידן וועט מען ארבעטן צו ברענגן די סערוויס דא א גאנץ יאר.

די נומער איז 845-434-0376, זיי נעמען אן מעדיקעיד און רוב אנדערע אינשורענס. ס'איז ראטזאם איבערצופרעגן בעפארן נוצן אויב זיי נעמען אן ספעציפיש וועלכע אינשורענס איר האט.

**נייעס'לעך**

**טוי באוט וומרטמר**





לכבוד מו"ה [redacted] הי"ו געטריי פאר די קהילה מיום הווסדו ביזן היינטיגן טאג.

מיר שענקן אייך א קליינע מתנה'לע אלס א צייכן פון הכרת הטוב פארן העלפן אזוי געטריי א גאנץ יאר מיט די גאנצע הארץ און געפיל.
דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן מיט אלעס גוטס, פרנסה בריווח, געזונט און נחת פון אלע קינדער עד סוף כל הדורות.
דער הייליגער רבי בלייבט קיינעם נישט שולדיג, דער הייליגער רבי זאגט: "ביי וועם איך נעם געב איך", און ווען א צדיק געבט, געבט ער בעין טובה.
(עצתו אמונה נצבים תשע"ט)

הנהלת קהלת היכל הקודש ברסלב



לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א.

מיר ברענגען אריבער פארן ראש ישיבה שליט"א די ליסטע פון אלע וואלונטירן וואס העלפן ארויס א גאנץ יאר, און די מתנה'לע וואס מיר האבן געשאנקן פאר זיי לכבוד יום טוב שבועות.
מיר ווילן וואונטשן פארן ראש ישיבה שליט"א א פרייליכן יום טוב שבועות, אסאך נחת פון אלע תלמידים ותלמידות, נחת פון די אייגענע קינדער און אייניקלעך עד סוף כל הדורות.
דער ראש ישיבה שליט"א זאל האבן ווייטער כח אונז צו מחזק זיין, און מחזק זיין די גאנצע וועלט לאורך ימים ושנים טובות.

וואונטשט די הנהלה,
אברהם שבתי מזרחי
העניך יצחק אינדיג
מרדכי אהרן היילפרין
מנחם שטיינבערג
משה זאב ראזענבערג

# וועלטליך

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

גרשון קרעמער




## סעקיוריטי סיסטעמען אין די עירפארטס ווערן שטארק פארבעסערט

מיר שטייען נאך יעצט אין חודש סיון, און עס זעט נאך אויס גאנץ ווייט פון ראש השנה, אבער ביי חסידי ברסלב טראכט מען פונעם רבי'נס ראש השנה א גאנץ יאר.

בפרט אז מען שטייט שוין נענטער ווי ווייטער, איז מען יעדן טאג מתפלל אז מען זאל זוכה זיין צו קענען קומען צום רבי'נס ציון אין אומאן, אז די מניעות זאלן איבערגעדרייט ווערן צו נעימות, און מען זאל האבן א געשמאקע רייזע.

איינע פון די שוועריקייטן ביים רייזן - בפרט ווען מען פארט אזא לאנגע וועג קיין אומאן - איז די עירפארט סעקיוריטי. די רייזע פלעגט זיך שטענדיג אנהייבן מיט די שוועריקייטן אין עירפארט:

מען שטייט אין לאנגע שורות, דערנאך דארף מען זיך אויספאקן, וועקנעמען די געטראנקען, אויסטון די שיך, דעם הוט און דעם רעקל, און דאס איז נאר דער אנהייב.

די גוטע נייעס איז, אז רייזנדע וואס פארן לעצטנס דורך די נייע טערמינאלן אין די עירפארטס - בפרט אין נוארק (EWR) - זאגן אז מען זעט א גרויסע טויש. אנשטאט דארפן ווייזן דעם פאספארט, באקומען אסאך די אפציע פשוט אריינצוקוקן אין א סקענער קאמערע וואס "דערקענט פנים'ער" און מען גייט ווייטער. אנשטאט מען זאל דארפן עפענען די פעק און זעך ארויסצונעמען עלעקטראניקס, קענען די נייע סקענערס אריינקוקן טיף אינעווייניג בשעת די רענצלעך זענען פארמאכט.

אזוי אויך זעט מען שנעלערע אטאמאטישע קאנווייער סיסטעמען וואס רוקן די רענצלעך שנעל און געשמירט, וואס דאס אלעס רעדוצירט שטארק די גאנצע סטרעס און די ווארט צייט.

די דאזיגע פארבעסערונגען דערקענט מען יעצט בעיקר אין די נייע טערמינאלן אין נוארק, ספעציעל אין טערמינאל A און אין טיילן פון טערמינאל C. עטליכע זאכן הייבן זיך אויך אן צו באמערקן אין JFK און לאגווארדיע עירפארטס, אבער עס איז נישט איבעראל די זעלבע; עס ווענדט זיך שטארק אין וועלכע טערמינאל אדער עירליין מען ניצט.

עס איז כדאי צו באמערקן אז נישט אלע עירפארטס, טערמינאלן אדער טשעקפוינטס זענען שוין אויסגעשטאט מיט די אלע פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס. עס קען זיין אז איין ליין פארט געשמאק, בשעת די ליין דערנעבן ארבעט נאך אויפן אלטן שטייגער.

עקספערטן זאגן אז אויסער די עירליין און די טערמינאלן, איז כדאי צו האבן TSA PreCheck, וואס דאס פארשנעלערט אלעס גאר שטארק בעז"ה.

*איש כל יעדך*

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447

**גרשון קרעמער**



## נעגל און קאלציום

**שאלה**

וואס איז דער פשט פון די האלבע באלי וואס מען זעט אויף די נעגל פון די הענט?

איך האב געהערט אז עס איז א סימן אז מען האט נישט גענוג קאלציום, איז עס אמת?

יישר כח.

**ענטפער**

די ווייסע האלבע-לבנה וואס מען זעט אויפן נאגל ווערט גערופן די "לונולא" (דאס שטאמט פונעם לאטיינישווארט וואס מיינט "קליינע לבנה"). דאס איז א חלק פונעם ווארצל פונעם נאגל; דער ווארצל גייט טאקע אריין טיפער אונטער די הויט, אבער דעם חלק קענען מיר זען, און פון דארט הייבט דער נאגל אן צו וואקסן.

פארוואס איז דער קאליר אנדערש ווי די אנדערע חלקים פונעם נאגל? דער מאטעריאל פון וואס א נאגל באשטייט הייסט "קעראטין". ביי כמעט דעם גאנצן נאגל איז דער קעראטין גענוג דין, דעריבער זעט מען דורך דעם די בלוט-אדערן וואס לויפן אונטער דעם, און דערפאר זעט עס אויס פינק. אבער ביים שורש איז דער נאגל אביסל דיקער, דערפאר זעט עס אויס ווייס.

דער אייבערשטער האט באשאפן יעדן מענטש אנדערש. ביי רוב מענטשן קען מען עס דאס בעסטע זען אויפן גראבן פינגער (טאמב), אבער עס זענען דא אזעלכע וואס האבן עס אויף אלע פינגער. אזוי אויך קען עס זיך כסדר טוישן במשך די יארן, עס ווערט אמאל שוואכער און אמאל שטארקער.

דאס וואס דו פרעגסט צי עס דארף ווייזן אז מען מאנגלט אין קאלציום, איז נישט ממש אזוי. אבער מען קען צומאל זען אויף די נעגל אויב מען באקומט נישט קיין גוטע נערונג; איינער וואס באקומט נישט קיין געהעריגע נערונג וועלן זיינע נעגל צומאל זיין שוואך, למשל עס וועט האבן מאדנע קאלירן, עס וועט זיך גרינג צוברעכן, וכדומה.

אויב איינער ליידט פון א מאנגל אין קאלציום, וועט מען זען אסאך אנדערע סימנים פיל פריער איידער מען וועט עס באמערקן אויף די נעגל, ווי למשל: קרעמפן, שוואכקייט, און פראבלעמען מיט די ביינער.

מילך און מילכיגס זענען באקאנט אלס איינע פון די גאר גוטע מקורות פון וואו מען קען באקומען קאלציום. יעצט, ווען מען שטייט נאך שבועות, איז טאקע פאסיג צו דערמאנען וואס דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט איינע פון די יארן שבועות, ארויסצוברענגען אז מען זאל זיך נישט קלאפן מיט וואס איז געווען, ווייל לכאורה, וויאזוי מעג מען בכלל עסן מילך? מילך קומט דאך פון בלוט, נאר ווייל דאס ווערט באטראכט אלס א נייע באשעפעניש. דערפאר עסט מען דאס שבועות ביי קבלת התורה, כדי מיר זאלן זיך נישט קלאפן אויפן עבר; אפילו אויב דו ביסט געווען א שטיק בלוט - בחינת עשו הרשע - קענסטו ווערן ווייס ווי יעקב, בחינת מילך.

# מעשיות פון תפילה



**ברוך נויסבוים** בני ברק

אפאר טעג פאר ערב ראש חודש סיון מוקדם, האט מיר אריינגעשיינט א מחשבה צו פארן קיין טבריה צו קענען זאגן תפילת השל"ה און זיך אויסבעטן אויף גוטע קינדער ביים הייליגן ציון פונעם של"ה אין עיר הקודש טבריה.

האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל פארן און איך זאל האבן א גוטע וועג.

ממש א ביסל פאר ער"ח מוקדם, שמועס איך אזוי מיט מו"ה ר' שלמה זאלדאן נ"י, פון די גרעסטע מדפיסים ביים בית הדפוס פונעם הייליגן רבי'ן דא אין בני ברק, און ער זאגט מיר אז ער טראכט אויך צו פארן. האב איך אים גלייך געבעטן אז איך וויל מיטקומען, ווייל אזוי צו פארן צו א ציון פון א צדיק איז איין גרויסע זאך, אבער אז מען קען מאכן די וועג מיט אנשי שלומינו און זוכה זיין זיך צו שמועסן שיחות חברים און זיך מחזק זיין אינטערוועגנס איז עס שוין זייער געוואלדיג.

דאנערשטאג ער"ח סיון מוקדם אינדערפרי זענען מיר טאקע ארויסגעפארן.

צום ערשט האבן מיר געהאט די זכיה פוקד צו זיין ביים הייליגן מוהרא"ש'ס ציון אין יבנאל; מיר האבן ב"ה געקענט גוט אויסגיסן דאס הארץ און בעטן לכלל ולפרט.

פון דארטן זענען מיר געפארן קיין טבריה, קודם צום הייליגן תנא רבי מאיר בעל הנס. טבריה האט געווירבלט מיט זייער אסאך אידן וואס זענען געקומען קיין טבריה זאגן תפילת השל"ה און פוקד זיין די קברי הצדיקים, קדושים אשר בארץ המה.

פון דארטן זענען מיר געפארן דורך די ציון פון רב ענן, און מיר זענען אנגעקומען צום געגנט פונעם ציון פונעם של"ה הקדוש מיט די תנאים וכו'.

למעשה איז דער גאנצער געגנט געווען פול מיט קארס, ווי אויך זענען געווען בלאקאדן כדי צו האלטן דעם סדר; אין די אונטערשטע גאס האט מען בכלל נישט געקענט פארקן. זענען מיר געקומען פון אויבן און פרובירט צו פארקן אין איין פלאץ, אבער די סדרנים זענען שנעל געקומען און אונז אוועקגעטריבן פון דארטן.

האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן צו קענען טרעפן א גוטע פארקינג לאט. מיר פארן ווייטער און קומען אן ממש נעבן די טיר פונעם אריינגאנג פון אויבן, און מיר בעטן דעם אייבערשטן, און שכח אייבערשטער - ממש פאר אונזערע אויגן קומט ארויס א גרויסע קאר און מיר האבן ב"ה געקענט פארקן ממש נאנט צום ציון.

מיר זענען אריין צום ערשט צום הייליגן רמב"ם, און גלייך דערנאך זענען מיר צוגעגאנגען צום הייליגן ציון פונעם של"ה, וואס איז געווען געפאקט מיט טייערע אידן וואס האבן אויסגעגאסן זייערע הערצער און זיך געבעטן פאר גוטע קינדער. ס'איז געווען א גאר גרויסע התעוררות, און ב"ה האבן מיר געקענט אביסל מיטכאפן און אויסבעטן.

שפעטער זענען מיר צוגעגאנגען צו די הייליגע תנאים אויפן ארט און געדאוונט. פון דארט זענען מיר געפארן קיין צפת צום ציון פון רבי חוצפית המתורגמן, איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. מיר האבן געדאוונט סיי ביים ציון וואס קדמונינו האבן געטראפן, און סיי ביים ציון וואס "אהלי צדיקים" האבן געטראפן.

פון דארטן זענען מיר געפארן צום ציון פון רבי בנימין בן יפת אין צפת, און פון דארטן זענען מיר געפארן צום ציון פונעם הייליגן תנא רבי יונתן בן עוזיאל אין עמוקה; ווייל אז מען בעט פאר גוטע קינדער, דארף מען אויך בעטן אז מען זאל זיי קענען חתונה מאכן גרינגערהייט און יונגערהייט בקדושה וטהרה. שכח אייבערשטער, עס איז געווען א זייער געשמאקע נסיעה.

פון דארטן זענען מיר אריבער צו בניהו בן יהוידע און צו רבי משה בן מכיר בעל סדר היום, און צום הייליגן תנא רבי יהודה בר אילעי אויפן וועג קיין מירון.

ב"ה מיר האבן זוכה געווען אנצוקומען קיין מירון, און נאכאמאל געזען פאר אונזערע אויגן ווי עס שטייען סדרנים מיט בלאקאדעס [מסתם צוליב די ריבוי עם בלעה"ר וואס קומט יעדן ערב ראש חודש קיין מירון, און בפרט ערב ראש חודש סיון ווען מאסן אידן שטרומען קיין אתרא קדישא, און בפרט א יאר ווי היי יאר ווען זייער אסאך אידן זענען אויך געקומען בתורת תשלומין צום הייליגן הילולא דרשב"י זיע"א].

מיר האבן פון פריש אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן האבן א גוטע פארקינג לאט, אן זיך צו דארפן שלעפן צופוס. ב"ה די ערשטע בלאקאדע האבן זיי נישט באמערקט און מיר האבן זיך אריינגעכאפט, און מיר פארן ארויף דעם בארג.

מיר האבן פרובירט אריינצופארן דורך דעם פלאץ וואס מען רופט "רחבת תולדות אהרן", וואס קומט אן ממש נאנט צום הייליגן ציון.

עס זענען געשטאנען סדרנים אויף יעדע פאר טריט, אבער מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן, און ב"ה מיר זענען אלעס דורך און מיר האבן געקענט פארקן גאר גאר נאנט צום ציון.

מיר האבן זוכה געווען צו דאווענען מנחה און זיך גוט מתבודד זיין ביים הייליגן תנא.

אויפן וועג צוריק קיין בני ברק האבן מיר שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל חלילה נישט זיין קיין טרעפיק, טראץ דעם וואס דאס זענען די נאכמיטאג שעה'ן ווען עס איז געווענליך דא גרויסע טרעפיק. מיר האבן אבער געוואלט זיך אומקערן אהיים ווי אמשנעלסטן, כדי צו קענען העלפן אינדערהיים לייגן די קינדער שלאפן. און שכח אייבערשטער, דער וועג האט ב"ה גענומען שנעל, און מיר זענען צוריק קיין בני ברק פרייליכערהייט, אנגעפילט מיט ישועות.

שכח אייבערשטער פאר די גאר געשמאקע נסיעה מיט די אלע חסדים די גאנצע צייט.

## אברהם הערש וועבערמאן | קרית ברסלב

איין שיינעם טאג האב איך אנגעהויבן צו שפירן ציין ווייטאג ביי איין זייט פון מיינע ציינער. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר חונן דעת זיין וואס צו טון; זאל איך גיין צו א דענטיסט, אדער איז דאס בלויז עפעס א דורכגאנג וואס מאכט זיך אמאל.

למעשה האט דער אייבערשטער עס אזוי געפירט, אז א קרוב מיינער איז פונקט געקומען מיר דערציילן אז ער דארף דרינגענד גיין צום ציין דאקטער פאררעכטן די ציינער, און ער האט מיר געבעטן אויב איך קען אים ארויסהעלפן מיט געלט.

ברוך השם, איך האב אים געקענט העלפן ראטעווען די ציינער, און זייט דעמאלט איז מיין ציין ווייטאג פארשוואונדן געווארן כאילו עס איז קיינמאל נישט געווען.

וואס מען טוט פאר יענעם, טוט מען פאר זיך.

# שלום בית מאכערס

**בעזרת ה' יתברך – יום ג' פרשת בלק, י"ג תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

עס איז נישט גוט אז מען זאל אריין מישן עלטערן אינעם פריוואטן לעבן; בפרט א יונגע פאר-פאלק דארפן זיין זייער פארזיכטיג נישט צו דערציילן פריוואטע זאכן פאר די עלטערן, ווייל רוב גט'ן וואס קומען פאר איז אין רעזולטאט פון עלטערן וואס מישן זיך אריין אין די לעבן פון די קינדער, זיי ווילן זיך אננעמען פאר זייערע קינדער - ביז עס ווערט א גט.

דערפאר איז נישט כדי אריין צו מישן עלטערן אינעם פריוואטן לעבן; פאר עלטערן דארף מען נאר דערציילן פאזעטיווע זאכן פונעם לעבן און זיי יעדן טאג דאנקען פאר אלעס וואס זיי האבן זיך מוסר נפש געווען זייער לעבן פאר די קינדער. אויב א פאר-פאלק זעט אז זיי קענען זיך נישט מסדר זיין וכו' זאלן זיי גיין צו אן ערליכער רב וואס זאל מאכן שלום צווישן זיי.

מוהרא"ש פלעגט אונז שטענדיג מזהיר זיין מיר זאלן אכטונג געבן פון שלום בית מאכערס וואס זיי זענען גראבע ליצים; איינע פון די סימנים צו וויסן אויב דער שלום בית מאכער איז סתם א גראבער יונג א לץ - אויב ער בעט געלט צו מאכן שלום בית, ווייל איינער וואס בעט געלט פאר שלום בית - פון אזא איינעם דארף מען אנטלויפן ווי פון פייער, ווייל ער זוכט נישט צו מאכן שלום, ער וויל דאך האבן פרנסה, וועט ער דיר ארום שלעפן א לאנגע צייט ביז עס וועט אים אונטער קומען א צווייטע קעלבל פון וועם צו מעלקן געלט, דאן וועט ער דיר אוועק ווארפן ווי מען ווארפט אוועק א אויסגעקוועטשטע לעמאן; דאס איז א פשוט'ע סברה, מען דארף נישט זיין צו קלוג דאס צו פארשטיין.

א סימן פון אן ערליכער רב איז אז ער נעמט נישט קיין געלט, נאר ער איז גרייט צו זיצן מיט דיר ווי לאנג עס וועט זיך אויספעלן אבי דו זאלסט האבן שלום בית. דאס פלעגט מען זען ביי מוהרא"ש, ער האט קיינמאל נישט גענומען קיין געלט ווען ער האט גערעדט מיט א פאר-פאלק, אזוי ווי אהרן הכהן וואס פלעגט ארום גיין מאכן שלום צווישן מאן און ווייב אן נעמען געלט פון יענעם. מוהרא"ש האט



א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

**עצתו אמונה בלק תשע"ח**

געקענט זיצן א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט מיט פרעמדע מענטשן אבי זיי זאלן אהיים גיין בשלום ובשלוה.

דאס איז א צדיק, ער קוקט נישט אויף קיין געלט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי עבודה זרה, יח.): פארוואס רופט מען אן דעם צדיק נחום בר סימאי: "נָחוּם אִישׁ קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים? שֶׁלֹּא הִבִּיט בְּצוּרַת מַטְבֵּעַ מִיָּמָיו" ווייל ער האט קיינמאל נישט געקוקט אויף געלט; אין בבלי (עבודה זרה נ.) זאגט די גמרא: פארוואס רופט מען אים "בנן של קדושים?" ווייל ער האט נישט געקוקט אויף קיין געלט; דאס איז א סימן פון א הייליגע מענטש, אז ער קוקט נישט אויף קיין געלט. ביי אים איז נישט קיין חילוק צי יא געלט אדער נישט געלט - אים גייט אין לעבן א טובה צו טון פאר א צווייטן איד; צו אזא איינעם קען מען גיין נעמען אן עצה, **אבער אז אלעס איז ווענדליג דאס געלט - פון דארט דארף מען אנטלויפן!**

געב זיך איבער צום אייבערשטן וועסטו האבן הצלחה; ווי מער מען רעדט זיך איין אז מען קען שוין אליינס מצליח זיין - אלס א גרעסערער רחמנות איז מען. וואויל איז דעם מענטש וואס איז זיך מבטל פארן אייבערשטן.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט שיין אויפנעמען האברך היקר ... נרו יאיר און האברך היקר ... נרו יאיר; זיי העלפן מיר צאלן די רענט פארן בנין הישיבה און די רענט פאר די מיידל סקול בית פיגא; זיי האבן אראפגענומען פון מיר דעם עול. זיי מוטשענען זיך זייער צו קענען דעקן די רענט יעדן חודש, וואויל איז פאר דעם וואס נעמט א חלק אין די גרויסע מצוה. מיטן העלפן צאלן די רענט האסטו א חלק אין די תורה תפילה פון די בחורים, אינגלעך און מיידלעך, אזוי אויך אין הדפסת והפצת ספרי רבינו, דורכדעם נעמסטו א חלק אין די אלע הרהורי תשובה וואס קומט ארויס פון דעם פלאץ.

אפילו עס איז דיר אויך ענג דיין מצב און דו האסט ממש נישט וואס צו געבן פאר צדקה, זאלסטו שיין אויפנעמען די אינגעלייט וואס העלפן מיר דעקן די הוצאות המוסדות; עס טוט זייער וויי ווען מען באקומט א שטעך פון א צווייטן בשעת מען גייט נאך געלט און מען האט נישט גארנישט קיין פריוואטע אינטערעסן. און פארקערט אויך, עס איז זייער א גרויסע מצוה אז מען איז מחזק איינעם וואס גייט צוזאמנעמען געלט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (כתובות קיא:): "טוֹב הַמַּלְבִּין שִׁנַּיִם לַחֲבֵרוֹ יוֹתֵר מִמַּשְׁקֵהוּ חָלָב", עס איז גרעסער דער וואס ווייזט א שמייכל פאר א חבר ווי דער וואס געבט פאר זיין חבר א קאלט גלעזל מילך; ווייל **די גרעסטע מצוה איז מחי' זיין א צווייטן איד,** דאס איז מער פון געלט און מער פון אלעס.

דעריבער בעט איך דיר טייערער ..., זוך נישט פון אונטער דער ערד אנדערע צדקות וכדומה; העלף די מוסד וואס העלפט דיר, בעסער געזאגט העלף דיר אליינס, העלף מיר זאלן קענען ווייטער אנגיין ווייל מיר מוטשענען זיך זייער. מיר דארפן צאלן מלמדים און טיטשערס, און עס רייסט מיר ביים הארץ אז איך קען נישט צאלן די מלמדים סוף וואך. מיר האבן איינגעשטעלטע אין די מוסד וואס האבן נישט אויף שבת צו מאכן - פשוטו כמשמעו. איך ווייס אז מענטשן זאגן: "היינט איז נישט דא אזא זאך אז מען זאל נישט האבן אויף שבת צו מאכן"; הלואי זאל טאקע זיין אזוי אז עס זאל נישט זיין אזא זאך היינטיגע צייטן, אבער ווי עס ווייזט זיך אויס ווייס איך דא ביי אונז אין די קהילה פון אינגעלייט וואס האבן נישט קיין געלט אויף א פלאש וויין, חלה, פיש און פלייש.

יעצט האלטן מיר שוין ביי צען יאר פון ווען די ישיבה האט זיך געעפנט; געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האלטן שוין דא. דאס איז ניסים ונפלאות; א מוסד איז נישט קיין גרינגע זאך צו פירן, און וויפיל דו טראכסט און וויפיל דו ווייסט און וויפיל דו שטעלסט זיך פאר וויפיל ארבעט עס ליגט אונטער דעם - ווייסטו נאך גארנישט וואס עס מיינט פירן א מוסד. איך זוך נישט צו קרעכצן פאר דיר, איך וויל נאר דו זאלסט וויסן אז מיר מוטשענען זיך זייער אנצוגיין מיט די מוסדות, און ווען האברך היקר ... נרו יאיר און האברך היקר ... נרו יאיר בעטן פון דיר דו זאלסט זיך משתתף זיין מיט די רענט זאלסטו זיי שיין אויפנעמען. און אז מו"ה ... נרו יאיר בעט דיר צו צאלן שכר לימוד אדער קעמפ געלט זאלסטו זיך נישט אויסלאכן פון אים נאר צאלן שכר לימוד כדי מיר זאלן קענען באצאלן די מלמדים און טיטשערס. אז מען האט נישט קיין געלט צו צאלן איז איין זאך, אבער **חוזק מאכן און צוריק ענטפערן - דאס איז נישט בארעכטיגט.**

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע האבן א חלק אין אויפשטעלן שיינע מוסדות וואו אונזערע קינדער וועלן נתחנך ווערן מיט די ריינע אמונה.

**זיי געזונט און שטארק.**

# א ווארט צווייי

שיקט אריין אייער ווארט צווי צו:
avorttzvei@bletelmagazine.com

## אויסצוגן פונעם הערליכן יום טוב שבועות תשפ"ו אין קרית ברסלב:

### וואלט געקענט אויפטון א געלט

"איין טאג האב איך געדאווענט אין א בית מדרש נעבן מיין שטוב אין וויליאמסבורג ווען אפאר אינגעלייט שמועסן וועגן די ברסלב'ע שטעטל, אייגער האט געזאגט אז ער איז געווען דארט אין שול, אלעס איז זייער שיין, אבער ער האט געזען דארט אן אינטערעסאנטן מענטש, ער טאנצט זיך אזוי אינטער ביים דאווענען, ווער איז ער, וואס איז די מעשה מיט אים? האט מיין זון זיך אנגערופן: "יענער האט אסאך געלט". געבט ער א געשריי: "טאקע?! אזא שאד איך האב דאס נישט געוויסט"...

ביים שיעור סיפורי מעשיות דעם צווייטן טאג יום טוב נאכן פארלערנען די מעשה פון דער בעל תפלה. **"פון תאוות ממון איז נישטא קיין שום וועג ארויס, נאר מיטן רבי'ן".**

### סוקסעס

"ער איז זייער מצליח, ער מאכט אזוי סאך ביזנעס אז ער קען ניטאמאל אהיימקומען צו די ווייב און קינדער, אבער פארגעס נישט ער איז א מוצלח."

ביים דערמאנען ביים שיעור די היכל הקודש ארבעטס אינגעלייט וואס סוקסעס באדייט.

### תורה לשמה

"א אינגערמאן זאגט מיר אז זינט די דרייצן יאר האט ער אפגעמאכט אז ער וויל לערנען פלייסיג כדי צו וואקסן די קומענדיגער הרב וואזנער... אזוי האט ער געלערנט פאר צען יאר מיט דעם ציל, ביז ער איז אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן ווי ער האט אנגעהויבן כאפן אז ער לערנט בכלל נישט פארן אייבערשטן, נאר פאר זיך."

איך בין געווארן זייער מרוגש נעכטן ווען די קינדער זענען ארויפגעקומען אויפן בימה מאכן סיומים, די קינדער ווערן אויפגעצויגן אז מ'לערנט פארן אייבערשטן, אין חדר לערנט מען וויל מ'מוז, אז נישט פאלסט ארויס, די זעלבע זאך אין ישיבה, אבער אז דו נעמסט א משניות א גמרא אין די זייטיגע צייט און דו זאגסט די ווערטער, לערנסט פשוט פארן אייבערשטן."

אין א שמועס פון סדר דרך הלימוד פון רבי'ן, ביים זוהר שיעור צווייטן טאג יום טוב



### לחופה ולמעשים טובים

הבחור חיים מאיר ווערט געזען צאמשטעלן די חופה פארן בית מדרש לכבוד יום טוב שבועות



### מסובין בבני ברק

גבאי אין בני ברק מו"ה יואל לעווי הי"ו ביים אויפהענגען א בריוו פון דער ראש ישיבה בנוגע קומען אין שטעטל אויף יום טוב

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

• בערל שניצלער

גוטזאגער

"געלט קען קויפן א הויז, אבער נישט א היים. געלט קען קויפן א בעט, אבער נישט שלאף. געלט איז נישט אלעס. קומט אויס אז אויב דו האסט א היים און דו קענסט שלאפן, דאן ביסטו מער ווערד פון די וועלטס געלט."

## דער גליון און מעשיות

"דער געלע גליון איז נישט געמאכט געווארן צו ברענגען אויפשאקלענדע מעשיות ווי ס'האט געראטעוועט אידן, איך ווייס אבער אז ווען א איד לייענט עס הערט ער נאכאמאל די לימודים וואס מ'לערנט אין היכל הקודש איבער און איבער, ער דערמאנט זיך נאכאמאל אז וואס דו דארפסט קענסטו בעטן פונעם אייבערשטן אויף דיין שפראך, יעדער מענטש האט א וועג צו לערנען, געב אכטונג נישט אריינצופאלן אין חובות, און אזוי ווייטער. און ס'איז מיר ברור אז ווען א איד בליקט אריין אין דעם גליון, בשעת ער לייענט עס כאפט אים א הרהור תשובה."

ר' מרדכי אינדיג שליט"א - עורך פון "גליון היכל הקודש" אין אן אינטערוויו מיט די ברסלב'ער ברודער נאכדעם וואס דער גליון האט דערגרייכט דער אסטראנאמישע נומער גליון 750, ווי זיי שטעלן ר' מרדכי אין א פאזיציע ווי ער דארף פארשטעלן אן אזוי' גערופענעם "סוקסעס-סטארי" נאכן אנגיין אזא לאנגע צייט.

ווען ר' יואל האט צוגלייגט זאגנדיג אז דו קענסט נישט וויסן ווען דו גייסט אין גאס אז דער פארבייגייענדיגער איד, זיין שלום בית איז געראטעוועט געווארן דעם שבת פונעם גליון, איז די ענטפער פון ר' מרדכי געווען, **"איך ווייס אפילו נישט צו ער ווייסט".**

פרייעדיגע

**מקוה איז טאקע נישט קיין מצוה, אבער וואס מקוה קען צוברענגען קען קיין שום מצוה נישט צוברענגען**

**- שר שלום מ'בעלזא זי"ע**

*א ווארט צווייי פונעם ראש ישיבה שליט"א:*

## לשון פון סיפורי מעשיות איז מקדש ומטהר

"קוק אריין אין די לשון פון רבי'ן, די לשון פון רבי'ן איז מקדש און מטהר דעם מענטש, מען קען פון דעם אליין געזונט ווערן. אז א מענטש זאל נאר ארויסזאגן סיפורי מעשיות ווארט ביי ווארט אויפן קול אפילו אן פארשטיין וואס עס שטייט, איז עס שוין מער ווי אלע טעראפיעס און היילינג מעטאדן, מען קען ווערן א געהעריגע אויסגעהיילטער מענטש דערפון, און כל שכן אז מען נעמט עפעס ארויס דערפון."

דער ראש ישיבה שליט"א אין א שיעור אין ישיבה ווען פארלאפענע בײם פארלערנען סיפורי מעשיות דערמאנט די בחורים אריינצוקוקן אינעווייניג אין די לשון פון רבי'ן, **"מען קען ווערן א געהעריגע אויסגעהיילטער מענטש בלויז פון זאגן די ווערטער פון הייליגן ספר סיפורי מעשיות, כל שכן אז מען נעמט נאך עפעס ארויס דערפון".**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

## נאכן דערגרייכונג פון לעגענדארער גליון "היכל הקודש" נומער 750, הערט פונעם מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א איבער איר גרינדונג און וויאזוי עס האלט אן ביז היינט

**ברסלב'ע ברודער**

יואל וועבערמאן - אברהם הערש וועבערמאן

## זמנים (NYC)

הדלקת הנרות.................7:48

מוצאי שבת קודש...........9:20

## שיעורים כסדרן

נ"ך.....................דברי הימים-ב ג'

בבלי........................חולין ט"ז

ירושלמי.............בבא קמא י"ד

תוספתא...................חגיגה א'

רמב"ם..........................מילה ב'

(751)

עס איז ממש צום באוואונדערן די הערליכע אויסוואל פון גליונות, קונטרסים און מאגאזינען וואס קומען ארויס יעדע וואך ביי אונז אין קהילת היכל הקודש, געשריבן דורך אנשי שלומינו וועלכע בעטן דעם אייבערשטן פארן זיך זעצן צום שרייב-טיש, אז זייערע ווערטער זאלן מקרב זיין די הערצער פון די ליינער צום אייבערשטן. זיי טוען עס מיט'ן גאנצן הארץ, מיט בלויז איין ציל: מחזק צו זיין און משמח צו זיין אידישע קינדער מיט די זיסע עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

ווען מען גיט א קוק אויפן גליון זעט מען אז די גליון האלט שוין ביי דעם גרויסן נומער 750. דאס מיינט צו זאגן אין א אנדערע ווערטער אז דאס קומט שוין ארויס פאר גאנצע פופצן יאר, דאס איז נישט קיין קליינע צייט אפשניט, אין דעם ליגט אסאך ארבעט פון צאמשטעלן אלע חלקים פונעם גליון, צו זאל עס זיין די תורה אויף די פרשה, די שיחה מעינינא דיומא, די שאלה און תשובה פונעם ראש ישיבה שליט"א, אזוי אויך די נייעס פון די קהילה, די מזל טוב'ס פון אנשי שלומינו און אזוי ווייטער.

ווען דער מנהל פון תלמוד תורה מו"ה  מרדכי אינדיג שליט"א האט געטראכט צוזאמצושטעלן אפאר שיינע ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן אויף די סדרה, אביסל חיזוק און מעשה'לעך, כדי עס אויסצוטיילן פאר די קינדער אין חדר. האט ער בכלל נישט גע'חלומ'ט אז ער גייט דא מאכן א וועלטס רעוואלוציע; אפילו אין זיינע ווילדסטע חלומות האט ער נישט געקלערט אז פופצן יאר שפעטער וועט דער גליון נישט נאר אנהאלטן מיט א שטארקייט, נאר עס וועט אויסוואקסן אזוי גרויס אז עס ווערט צעשפרייט איבער די גאנצע וועלט אין די מיליאנען.

היינט צוטאגס ווערט עס שוין איבערגעזעצט אין פארשידענע שפראכן, און נאך פילע אנשי שלומינו האבן זיך מיטגעכאפט מיט'ן וואגן און אנגעהויבן שרייבן אייגענע גליונות אנגעפילט מיט די זיסע אוצרות פונעם רבי'ן - יעדער לויט זיין שטייגער - איבער ענינים פון "חינוך", "טעראפי", "דרשות", "בחורים", "שיחות", "בריוו", "מיידלעך" און "מעשיות". דאס אלעס איז נאך אויסער דעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה" וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט, און דעם באקאנטן "בלעטל" מיט אירע פילע אפטיילונגען.

דאס איז א מורא'דיגער לימוד פאר אונז אלע, אז מיר זאלן בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן קענען טרעפן א געלעגנהייט צו עוסק זיין אין הפצה, יעדער איינער אויף זיין וועג און יעדער לויט זיין שטייגער.

עס קען זיך דיר דאכטן אז אלע אופנים פון הפצה זענען שוין פארכאפט און עס איז שוין גארנישט איבערגעבליבן פאר דיר צו טון, אבער באמת איז דאס נישט אמת. קודם כל קענסטו פשוט מאכן הפצה אויפ'ן פשוט'ן אופן; דו דארפסט נישט טון עפעס ספעציעל, ווייל די אלע גליונות און ספרים זענען גארנישט ווערד אויב זיי ליגן סתם אזוי אין שאנק.

במשך די יארן זענען זיי פארשפרייט געווארן דורך הונדערטער מפיצים וואס נעמען די אלע גליונות און טיילן זיי אויס פאר אידישע קינדער. דערצו טוישט זיך די מציאות פון הפצה מיט די יארן: היינט זענען עס גליונות און קארטלעך, מארגן ווערט פאפולער א צווייטע זאך, און אויב מען בעט דעם אייבערשטן קענסטו זיין דער וואס וועט מאכן די קומענדיגע הפצה-רעוואלוציע.

לכבוד דעם 750'סטן גליון, זעצן מיר זיך אראפ מיט'ן חשוב'ן מנהל שליט"א, צו איבערגיין איינצלהייטן פון ווען דער גליון האט זיך אנגעהויבן ביז וואו עס האלט היינט צוטאגס.

ק

ודם כל, יישר כח פאר'ן מיר מעלדן אז עס האלט שוין ביי 750; איך האב דאס בכלל נישט געוויסט.

דער גליון האט זיך אנגעהויבן פרשת בראשית תשע"ב. איך האב נישט געהאט קיין חשק צו זיין צוגעבונדן אז איך מוז יעדע וואך מאכן א גליון; איך האב עס אנגעהויבן מיט א חשבון אז איך מאך קודם איין וואך, און ווען איך וועל האבן צייט וועל איך עס מאכן ווייטער, און אויב איך וועל נישט האבן קיין צייט וועל איך עס נישט מאכן. אינצווישן געפינען מיר זיך פופצן יאר שפעטער מיט 750 גליונות, ברוך השם.

**למעשה, איז שוין געווען וואכן וואס איר האט טאקע אויסגעלאזט פון שרייבן דעם גליון?**

די ערשטע יאר זענען געווען צייטן וואס איך האב געמאכט נאר איין בלאט, צוויי זייטן, טאקע צוליב דעם וואס איך האב נישט געהאט צופיל צייט דערפאר; שפעטער איז עס שוין יא געווארן מער.

ס'איז יא געווען איין יאר וואס איך האב נישט געמאכט דעם גליון, אבער ברוך ה' אז עס איז ארויסגעקומען אויך יענע גאנצע יאר.

דאס איז געווען די יאר תשפ"ד, וואס דער ראש ישיבה האט מיר דעמאלט געזאגט אז איך זאל מער נישט מאכן די גליון, כדי איך זאל האבן צייט זיך ארייננצולייגן מער אין אנדערע וויכטיגע זאכן וואס דארפן געטון ווערן. און איך האב טאקע אויפגעהערט שרייבן דעם גליון, דעמאלט האט זיך ארייגעווארפן דערין מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו פון ארץ ישראל, וואס ער איז ווי באקאנט אלעמאל דער ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, יעדע גוטע זאך אין ארץ ישראל האט זיך אנגעהויבן ביי אים, דער בית המדרש, די חדר, די בית הדפוס, די ישיבה, עצתו אמונה לשון הקודש, און ער האט טאקע אויך אנגעהויבן צו מאכן דעם גליון אויף לשון הקודש, און איך ווייס נישט וואס נאך אלץ. איך האב אים איבערגעגעבן אלע פיילס פונעם גליון און ער האט עס געמאכט די גאנצע יאר תשפ"ד.

איך האב געמיינט אז עס וועט שוין בלייבן אזוי, אבער ווען עס איז אריבער איין יאר האט דער ראש ישיבה מיר געזאגט אז איך זאל צוריק אנהויבן מאכן דעם גליון, און פון דעמאלט מאך איך עס ווייטער מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

ס'איז דא למשל געוויסע גליונות וואס פארן שוין די זעלבע די לעצטע פופצן יאר. למשל, דער שביעי של פסח גליון האט זיך גארנישט געטוישט פונעם ערשטן מאל, מ'טוישט נאר די זמנים. ס'איז די זעלבע מעשה פונעם בעל שם טוב זי"ע ווי אזוי ער איז געראטעוועט געווארן אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל.

**האלטסט נישט אז ס'איז א פראבלעם אז מ'לייגט די זעלבע מעשה שוין די לעצטע פופצן יאר, אדער קומט עס פשוט ווייל מ'קומט נישט אן?**

דו פרעגסט א גוטע קשיא. כדי דאס צו ענטפערן דארף מען צוריקגיין און זען פארוואס איך האב בכלל אנגעהויבן דעם גליון און וויאזוי דאס האט זיך אנטוויקלט.

די ברסלב'ע חדר אין וויליאמסבורג האט זיך געעפנט אסרו חג פסח תשע"א. איך בין דעמאלט אריין ארבעטן אין חדר, און דעמאלט האט זיך אנגעהויבן די זאך אז מ'גייט אהיימשיקן קונטרסים פונעם חדר מיט מעשיות פון צדיקים פאר די קינדער, איבערחזר'ן וואס מ'האט געלערנט די וואך אין חומש און אזוי ווייטער. מ'האט צוגעלייגט אינטערעסאנטע זאכן, אביסל מעשיות פונעם רבי'ן און מעשיות פון צדיקים. דאס איז אנגעגאנגען פאר א שטיק צייט; איך פלעג עס אויפשרייבן אויף צעטלעך, איך האב עס



ר' מרדכיביים אויפטרעטן ביי איינע פון די מעמדים אין קהלת היכל הקודש אין די פארגאנגענהייט

אויסגעטיילט, און מ'האט עס אהיימגעשיקט מיט די קינדער.

ס'איז דעמאלט געווען א איד אין היכל הקודש, וואס ווען עס איז געקומען א יום טוב אדער א שיינע שבת, פלעגט ער נעמען א צעטל און אויפשרייבן ענינים וואס האבן צו טון מיט דער צייט, מראי מקומות פון שיחות הר"ן וואס שטייט וועגן דעם יום טוב. איך האב דאס זייער ליב געהאט און פלעג עס טאקע נאכקוקן; איך האב ליב געהאט צו קענען עפעס מיטהאלטן לויט דער צייט פונעם יאר. אלעס זענען דאך נאכאמאל דיבורים וואס מען רעדט פונעם אייבערשטן און נאכאמאל חיזוק, אבער א מענטש האט ליב עפעס פון די פרשה, עפעס פונעם יום טוב וואס קומט. דאס האט מיר געגעבן דעם שטופ צו מאכן דעם גליון, אז אנשטאט א מראי מקום וואס איך דארף יעצט גיין אויפזוכן – און נישט יעדער האט דעם געדולד צו גיין נאכקוקן זאכן – קען מען עס האבן שיין אויף אידיש ווי א גליון. אזוי האט זיך אנגעהויבן דער ערשטער גליון.

ביי מוהרא"ש איז געווען אז יעדעס מאל ווען ס'איז געקומען א יום טוב, האט ער גערעדט די זעלבע זאכן פונעם יום טוב. יעדעס יאר בערך די זעלבע דיבורים, נאר מיט אנדערע ווערטער. דער גליון איז טאקע געמאכט פאר דעם; עס איז נישטא קיין שום חידוש, און עס איז נישט

**דער ראש ישיבה האט מיר דעמאלט געזאגט אז איך זאל מער נישט מאכן די גליון, כדי איך זאל האבן צייט זיך אריינצולייגן מער אין אנדערע וויכטיגע זאכן וואס דארפן געטון ווערן.**

געמאכט ארויסצובריינגען עפעס א נייע קנייטש. פאר דעם זענען דא אנדערע גליונות.

לאמיר צוריקגיין צו די שאלה וואס דו האסט געפרעגט איבער די גליונות וואס זענען די זעלבע יעדעס יאר. למשל, דעם גליון פון אחרון של פסח; איך וויל איבערציילן ביי מיין סעודה אינדערהיים נאכאמאל די זעלבע מעשה, יעדעס יאר אחרון של פסח וויל איך נאכאמאל פארציילן די זעלבע מעשה. אדער למשל ווען עס קומט ט"ו בשבט, וויל איך זאגן פאר די קינדער נאכאמאל אז די ביימער לערנען אונז אז אפילו אויב מען איז געווען טרוקן א גאנץ יאר, הייבט מען זיך אויף און מען פרישט זיך אויף, און אזוי ווייטער. ווען עס קומט שבועות וויל איך זיך מחזק זיין מיט די זעלבע ווערטער וואס מוהרא"ש זאגט אויף שבועות. עס בלייבן אייביג די זעלבע ווערטער; אמאל קען מען עס אביסל ארומטוישן מיט אן אנדערע פלעיוואר, אבער דער געדאנק בלייבט אייביג דער זעלבער.

פאר מיר האבן אנגעהויבן דעם שמועס, האב איך אויפגעכאפט אן אינטערעסאנט קרישקעלע. דו האסט מיר געזאגט אז דו ווילסט רעדן וועגן דעם גליון, האב איך געגעבן א קוק אינעם ערשטן גליון און איך האב געזען אז עס איז דא דארט א מזל טוב פאר ר' אברהם הערש וועבערמאן נ"י לרגל די געבורט פון א מיידעלע.

**איבער די אלע יארן וואס זענען אריבער, זינט איר שרייבט שוין אזוי פיל גליונות, האט איר געהאט עפעס אן אינטערעסאנטע מעשה וואס איינער האט אייך דערציילט, אז דער גליון האט אים מקרב געווען וכדומה? ער האט פונקט געטראפן א גליון און דאס האט אים מקרב געווען?**

ניין, אנטשולדיגט, איך האב נישט אזעלכע מעשיות.

"וואו, איין מינוט, דאס איז א מורא'דיג שטארקע ליין. מ'מאכט א גליון יעדע וואך, און מ'הערט נישט צוריק קיין איין קאמפלימענט, און דאך גייט מען אן פאר פופצן יאר? דאס איז עפעס א שטארקע זאך."

קאמפלימענטן הערט מען אפשר יא, איך רעד אבער פונעם חלק פון הערן אינטערעסאנטע מעשיות. דאס איז טאקע נישט געמאכט געווארן פאר דעם; עס איז נישט דא צו אויפשאקלען אדער צו מאכן עפעס אויסערגעוועונליך. איך ווייס אז א איד ליינט דעם גליון, און עס שטייט דארט אזויפיל פונעם אייבערשטן; עס שטייט דארט אז מ'זאל זיך אפגעבן מיט די ווייב און זאגן א גוט ווארט; ס'שטייט דארט אז מ'קען לערנען, און אז יעדער מענטש האט א וועג וויאזוי צו לערנען; אויך שטייט דארט אז ס'איז דא א וועג וויאזוי נישט אריינצופאלן אין חובות, און אזוי ווייטער און ווייטער. איך בין הונדערט פראצענט איבערצייגט אז יעדער איד וואס ליינט דעם גליון באקומט הרהורי תשובה און ער טראכט דעמאלט פונעם אייבערשטן.

דער אמת איז, אז קיינער גייט נישט קומען דערציילן אז פרייטאג צונאכטס איז אינדערהיים געווען אביסל א "דיזעסטער" און ער האט זיך געוואלט אויפרעגן, אבער נאכדעם האט ער געטראפן דעם גליון, ער האט עס געליינט און זיך אביסל בארואיגט, און א דאנק דעם איז די סעודה שוין געווען פיל געשמאקער. ער וועט דיר נישט קומען דערציילן אזא מעשה.

דער אייבערשטער זאל מיך אפהיטן אויב איך וואלט געמאכט דעם גליון נאר כדי צוריקצוהערן פון מענטשן. די סיבה פארוואס מ'קען אנגיין איז נאר ווייל מ'וואלט נישט צוריקצובאקומען.

איך דערמאן זיך יעצט א גוטע קאמפלימענט וואס איך האב באקומען מיט פילע יארן צוריק.

ווען דער גליון האט זיך אנגעהויבן, איז עס לכתחילה געווען צאמגעשטעלט פון צוויי זאכן: ס'איז געווען א תורה אויף די פרשה, און נייעס. איך האב זייער ליב דעם ספר "וזאת התורה" פון מוהרא"ש, די פרשה איז געווען א גרעסערע חלק



**מיטינג מיט די עורכים פון די גליונות**

פונעם גליון.

דעם ספר "וזאת התורה" האט ארויסגעגעבן מו"ה שלמה ברוך בלוי שליט"א, ס'איז א זייער שיינער ספר. ער האט א געוויסע צייט ארויסגעגעבן א גליון, און ער האט מיר געזאגט אז די תורות נעמט ער פון מיין גליון. האב איך אים געפרעגט: "וואס הייסט דו נעמסט פון מיר? דאס קומט דאך פון 'וזאת התורה' וואס דו האסט ארויסגעגעבן!" האט ער מיר געענטפערט: "ניין, דו ברענגסט עס אראפ אזוי שיין אויף למעשה', אז ס'איז פיל געשמאקער איבערצוטייטשן פון אידיש וואס דו האסט געשריבן." איך האב עס גענומען פון לשון הקודש איבערצוטייטשן אויף אידיש, און ער האט גענומען די אידיש עס צוריקצוטייטשן אויף לשון הקודש; דאס איז פאר מיר געווען א שטארקע קאמפלימענט.

**איר האט עפעס געהערט פון מוהרא"ש איבער דעם גליון?**

אנפאנג פלעג איך יעדע וואך, גלייך נאכן ליל ששי שיעור, אריינטראגן דעם גליון פאר מוהרא"ש, און כמעט אלעמאל האט מוהרא"ש איבערגעפרעגט: "פון וואו האסטו געוואוסט וואס איך גיי רעדן ביים שיעור?" ווייל ס'איז שוין געשטאנען דארט געשריבן פונקטליך וואס מ'האט גערעדט ביים שיעור. דאס איז טאקע געווען אזוי ווייל מוהרא"ש האט נישט געהאט קיין נייע חידושים, ער האט איבערגעזאגט די זעלבע יסודות נאכאמאל און נאכאמאל, און איך האב שוין געוואוסט פאראויס וואס עס גייט קומען די וואך.

איך האב אויך געהאט נאך אן אינטערעסאנטע מעשה ביי מוהרא"ש. איינמאל האב איך געגעסן א שבת סעודה ביי מוהרא"ש, און איך האב נישט מיטגעברענגט דעם גליון פאר מוהרא"ש; עס גליון, ס'איז געווען פרשת בשלח, שבת שירה. איינער אנדערש האט עס געדרוקט פאר מוהרא"ש, און מוהרא"ש האט געליינט דעם גליון אינמיטן די סעודה. ער האט זיך אנגערופן צו מיר: "ס'איז שיינע זאכן, פון וואו קומט עס?" (ס'איז דארט געשטאנען זאכן וועגן חמשה עשר בשבט).

די מפיצים האבן זיך זייער מחיה געווען מיט דעם אנהויב, ווייל לײדער איז געווארן א שלעכטע נאמען אויף די קונטרסים. דער גליון איז בעצם די זעלבע זאכן, אבער דאס פלעגן מענטשן יא נעמען, ווייל עס האט נישט געהאט דעם אויסזען פון א

**קיינער גייט נישט קומען דערציילן אז פרייטאג צונאכטס איז אינדערהיים געווען אביסל א "דיזעסטער" און ער האט זיך געוואלט אויפרעגן**

קונטרס; דאס איז געווען א זייער שטארקע זאך פאר הפצה.

דאס גייט נאך אן ביז היינט. ס'זענען דא מענטשן וואס קומען נישט אן צו זען קיין שום זאך פון היכל הקודש, אבער אזוי ווי מ'לייגט דעם גליון אריין אין די שולן, ליינען עס פרעמדע מענטשן וואס ווילן גארנישט הערן פון ברסלב און ווייסן נישט פון קיין אנדערע זאכן; זיי ליינען עס יעדע וואך און האבן דערפון א גרויסע הנאה.

דער גליון איז טאקע געבליבן אזוי פשוט און האט נישט קיין פענסי גרעפיקס, אבער למעשה זענען ארויסגעקומען פון דעם זייער אסאך שיינע זאכן, נאך און נאך גליונות.

איין זאך וואס איז געבליבן נאר אינעם גליון זענען די שמחות; אויב דו ווילסט וויסן די שמחות אין היכל הקודש, קענסטו עס זען בלויז אין דעם גליון.

אז מ'רעדט שוין פון שמחות, איז כדאי צו דערמאנען א מעשה, ווייל ס'איז געווען א איד וואס האט געמאכט א שמחה און איך האב נישט אריינגעלייגט קיין מזל טוב אינעם גליון. יענער איד האט נעבעך געמיינט אז מ'האלט אז ער באלאנגט נישט באמת צו היכל הקודש, און דערפאר קומט זיך אים נישט קיין מזל טוב אינעם גליון. למעשה האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט אז די סיבה פארוואס איך האב עס נישט אריינגעלייגט איז פשוט ווייל איך האב נישט געוואוסט דערפון.

גליונות פעקל ווערט צוגעגרייט




גליונות אין שפיטאל









עס קומט זיך טאקע א באזונדערע יישר כח פאר ר' שמעון עוזר נ"י, וואס ער נעמט צוזאם יעדע וואך אלע שמחות פון אנשי שלומינו אין ארץ ישראל און ער שיקט מיר עס צו קענען לייגן אינעם גליון.

אז מ'רעדט שוין פון שמחות, וועל איך דיר דערציילן א מעשה וואס איך האב געהאט מיט מוהרא"ש. ס'איז אמאל געווען וואס מוהרא"ש האט מיר געהייסן שרייבן א מזל טוב פאר א געוויסן איד.

אפאר טעג שפעטער, זיצנדיג אינדערהיים, באקום איך א טעלעפאן רוף פון מוהרא"ש (מוהרא"ש פלעגט מיר קיינמאל נישט רופן פערזענליך). איך בין אויפגעשפרונגען פאר שרעק, און מוהרא"ש פרעגט מיר: "וואס איז די מעשה? פארוואס לייגסטו אריין א מזל טוב פאר דעם אינגערמאן? יענער קומט מיר זאגן אז דו מאכסט אים צרות; ער וויל נישט מ'זאל וויסן אז ער דרייט זיך דא אין היכל הקודש, און דו מאכסט אים פראבלעמען."

די אינטערעסאנטע חלק פון די מעשה איז, אז מוהרא"ש אליין האט מיר דאך געהייסן אריינצולייגן דעם מזל טוב. איך האב גלייך פארשטאנען אז יענער אינגערמאן שטייט דארט נעבן מוהרא"ש, האב איך געזאגט פאר מוהרא"ש אז איך האב געמאכט א טעות און איך וועל עס מער נישט טון.

ס'איז אויך געווען איין מאל אינאנפאנג, וואס מ'האט געשריבן אז מ'זאגט די פסוקים פון הלל דעם טאג וואס מ'האט חתונה געהאט. מענטשן זענען געווען זייער ברוגז אויף דעם; איך ווייס נאך אלץ נישט צי די פראבלעם איז געווען ווייל זיי האבן פארשטאנען אז מוהרא"ש זאגט אז מ'זאגט הלל מיט א ברכה, אדער דער עולם איז געווען ברוגז אויף דעם אליין: היתכן מ'זאגט אזא זאך, אז מ'דארף דאנקען דעם אייבערשטן פארן חתונה האבן? וואס איז דאס?

ס'איז געווען א גרויסער טומל איבער דעם, און מוהרא"ש האט מיר דעמאלטס געזאגט אז ס'איז דא זאכן וואס מ'שרייבט אין א ספר - מ'שרייבט עס צווישן אנדערע זאכן - און ס'איז דא זאכן וואס מ'קען שרייבן אין א גליון; מ'דארף אכטונג געבן נישט אויפצורעגן קיין מענטשן.

**צום שלוס, וואס קענט איר זאגן פאר אלע וואס זענען עוסק אין ארויסגעבן גליונות וכדומה?**

אויב איינער העלפט ארויס אין היכל הקודש, דארף ער וויסן אז ער מעג האבן כבוד פון דעם, ער מעג מאכן געלט פון דעם, און אויך הנאה האבן פון דעם, ס'איז זייער חשוב. אבער אויב זיין עיקר טרייב-קראפט איז דאס כבוד, דאס געלט אדער אנדערע טובות הנאה, וועט עס נישט קענען אנהאלטן און עס וועט נישט מצליח זיין. מען דארף בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל טון גוטע זאכן אבער ס'זאל נישט זיין געבויט אויף די גוטע ווערטער, ווייל אויב יא, ווי נאר עס וועלן זיך אויפהערן די גוטע ווערטער, וועט זיך די העלפן אויך אויפהערן.

א גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס איר טוט. דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל קענען אנקומען צו די נעקסטע 750, און אזוי ווייטער און ווייטער ביז משיח'ס טאג. ■

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## פאסט טרעגער

עס איז געווען א ברסלב'ער חסיד, רבי משה גלידמאן זכרונו לברכה, וואס האט געוואוינט אין רוסלאנד אין די צייטן פון די קאמוניסטן.

רבי משה האט זייער שטארק געוואלט ארויפגיין וואוינען קיין ארץ ישראל, אבער די רשעים האבן נישט געלאזט קיין שום איד ארויספארן פון רוסלאנד. פלעגט רבי משה גיין יעדן טאג צום ציון פונעם הייליגן רבי'ן זכותו יגן עלינו, און ער האט געבעטן דעם הייליגן באשעפער אז ער וויל ארויסגיין פון דעם פארשאלטענעם רוסלאנד, וואו עס איז זייער שווער צו זיין אן ערליכער איד.

ביז איין טאג האט ער מיט א שטארקייט אריינגעגעבן א בקשה פאר די רוסישע רעגירונג אז ער וויל פארלאזן דאס לאנד. נארמאל איז דער ענטפער אויף אזא בקשה געווען "ניין", אבער וואונדער איבער וואונדער, מען האט אים גערופן און געפרעגט פארוואס ער וויל ארויסגיין פון רוסלאנד. האט רבי משה געענטפערט: "איך בין אן איש אמת און איך וויל נישט גיין קעגן דעם געזעץ, אבער מיין טאטע האט מיר איבערגעלאזט א צוואה אז אויב איך נויטיג זיך אין געלט, זאל איך ארומגיין צו די שטיבער בעטן מענטשן מיר צו העלפן. יעצט בין איך אבער פארלוירן, ווייל די געזעץ זאגט אז מען טאר דאס נישט טון! פון די אנדערע זייט וויל איך נישט עובר זיין אויף מיין טאטעס צוואה, דעריבער וויל איך ארויסגיין פון דא כדי איך זאל נישט דארפן גיין קעגן דעם געזעץ."

דער וואונדער איז געווען אז זיי האבן אים טאקע געגעבן אן ערלויבעניש ארויסצופארן פון רוסלאנד, און ער האט זיך געצויגן קיין ירושלים.

אבער דער רבי משה איז געווען א גרויסער ארימאן, האט ער זיך איינגעפירט אז יעדן דאנערשטאג פלעגט ער ארומגיין אין די געסלעך פון ירושלים, אריינגיין אין די געשעפטן צוזאמנעמען געלט און בעטן נדבות פון גוטהארציגע אידן וואס ווילן אים העלפן מיט אביסל געלט, כדי ער זאל האבן מיט וואס איינצוקויפן לכבוד שבת. עס איז אבער געווען זייער אינטערעסאנט צו זען, אז ווען ער פלעגט אריינגיין אין א געשעפט בעטן געלט און דער געשעפטסמאן האט אים נישט געוואלט געבן קיין נדבה, האט ער זיך נישט געערגעט אויף יענעם, נאר ער פלעגט זיך אנרופן מיט א שמייכל: "א גוטן, מן הסתם ביסטו נישט מיין פערזענליכער פאסט-טרעגער!" און ער איז ארויסשפאצירט פונעם געשעפט.

איינמאל האט אים איינער געפרעגט: "רבי משה, וואס מיינען די ווערטער וואס דו זאגסט ווען איינער געבט דיר נישט קיין געלט, 'מן הסתם ביסטו נישט מיין פערזענליכער פאסט-טרעגער', און נאכדעם גייסטו ארויס מיט אזא פרייליך פנים?"

האט רבי משה אים געענטפערט מיט א תמימות: "באמת וואלט איך געדארפט האבן גאר אסאך געלט מיט א גרויסע שפע, נאר וואס? איך האב געזינדיגט און איך האב פארשפילט מיין געלט, און מיין גאנצע געלט האט מען צוטיילט פאר אלע מענטשן וואס וואוינען אין די שטאט; זיי אלע האלטן מיין געלט פאר מיר. מיין תיקון איז ארומצוגיין צו די אידן און זיי בעטן מיין געלט, וואס צוליב מיינע עבירות האלטן זיי עס פאר מיר. ממילא, ווען איינער געבט מיר נישט קיין געלט, איז עס א סימן אז פאר אים האט מען נישט געגעבן קיין געלט צו האלטן פאר מיר, טא פארוואס זאל ער מיר געבן?

עס איז פונקט ווי א פאסט-טרעגער וואס גייט אין די געסלעך לייגן ביי יעדעמ'ס טיר זייער פאסט; וואס וועט זיין אויב פלוצלינג ווערט א מענטש באפאלן דעם פאסט-טרעגער: 'וואו איז מיין פאסט?' ווערט ער אים פרעגן: 'אויף וועלכע גאס וואוינסטו?' און ווען ער ווערט זאגן וואו ער וואוינט, ווערט דער פאסט-טרעגער זאגן: 'הער זיך צו, איך ווייס נישט וואס דו ווילסט פון מיר, איך בין נישט דיין פאסט-טרעגער. איך טו נישט דעם גאס וואו דו וואוינטסט, דיין פאסט האט מען מיר נישט געגעבן, איז פארוואס אין די וועלט זאל איך האבן דיין פאסט? דאס זעלבע איז ביי מיר,"

פירט אויס רבי משה גלידמאן, "ווער עס האט נישט באקומען מיין געלט צו האלטן, האט ער מיר נישט וואס צו געבן, פונקט ווי דער פאסט-טרעגער."

*שיחות מוהרא"ש חלק ב' ערך נצרך לבריות*



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קס"א

## פארזעצונג פון פריער:

**אוּם חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי רֶבִּי נָתָן אַ אִינְגְל לְמַזָּל טוֹב, עֶר הָאט נָאמֶען גֶעגֶעבְּן פַאר'ן קִינְד מֵאִיר.**

**אוּם חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו אִיז רֶבִּי נָתָן נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט אִיז עֶר גֶעזֶעסְן בַּיים רֶבִּי'ן פַאר דְרֵיי וָואכְן נָאכְאַנַאנְד, עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעעֶנְדִיגְט שְׁרַייבְּן דֶעם גַאנְצְן "סֵפֶר הָא-ב", דָאס אִיז דֶער "סֵפֶר הַמִּדּוֹת".**

שַׁבָּת חֲנוּכָּה, פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ל' כִּסְלֵיו, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ב, ל"ה) "וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם", (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ז).

אִין יֶענֶע צַייט הָאבְּן זִיךְ פִּילֶע גוֹיִם מְגַיֵּיר גֶעוֶוען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז גֶעוֶוען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אִין זֵייעֶרֶע בִּיכֶער גֶעשְׁרִיבְּן זַאכְן קֶעגְן זֵייעֶר גְלוֹיבּוּנְג. אוּן אִין דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר קְלָאר עֶרְקְלֶערְט וִוי אַזוֹי דָאס פַּאסִירְט אוּן פוּן וָואס דָאס קוּמְט.

גְלַייךְ נָאךְ חֲנוּכָּה, נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ גַלַח פוּן אַ דָארְף נָאנְט צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אִין זֵייעֶרֶע בִּיכֶער גֶעשְׁרִיבְּן קֶעגְן זֵייעֶר גְלוֹיבּוּנְג, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וִוי גְלַייךְ נָאכְ'ן זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיבֶּער דֶעם זָאל קוּמֶען אַ גוֹי, וָואס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר אַ גַלַח, וָואס זָאל זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אִינְגַאנְצְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ אִידִישְׁקֵייט צוּלִיבּ דִי סִיבָּה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דִי תּוֹרָה. דָאס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער דִי פִּילֶע גֵרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ יֶענֶע יָאר מְגַיֵּיר גֶעוֶוען אִיבֶּער דִי וֶועלְט.

שְׁפֶּעטֶער אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אַ פְּרוֹי מִיט אִירֶע קִינְדֶער, אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט זִי מְגַיֵּיר גֶעוֶוען, אוּן זִי הָאט אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט אַז דִי סִיבָּה וָואס הָאט אִיר גֶעמַאכְט זִיךְ מְגַיֵּיר זַיין אִיז גֶעוֶוען וַוייל זִי הָאט גֶעלֵיינְט אִין זֵייעֶרֶע בִּיכֶער זַאכְן קֶעגְן זֵייעֶר גְלוֹיבּוּנְג.

דָאס וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען נָאךְ דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה "וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם", וִוי זַאכְן וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ אָפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִכְלָל אִינֶעם רֶבִּינְ'ס תּוֹרָה, אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען הָאט כְּסֵדֶר גֶעזֶען בַּיי יֶעדֶע תּוֹרָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, בַּיי אַלֶע תּוֹרוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען הָאט קְלָאר גֶעזֶען וִוי אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען נִכְלָל אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין יֶענֶע צַייט, אוֹיסֶער דִי פִּילֶע בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן וָואס לִיגְן אִין דִי תּוֹרָה וָואס מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט.

אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי תּוֹרָה, אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע עִנְיָנִים, זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַלֶעס אַלֶעס וָואס אִיז נָאר אַרִיבֶּער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, הָאט יֶעדֶער אָן אוֹיסְנַאם זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין דִי תּוֹרָה, אַז דֶער רֶבִּי רֶעדְט מַמָּשׁ פוּן אִים אוּן צוּ אִים, מַמָּשׁ קְלָאר אוּן אָפְן, אוֹיסֶער דִי נִסְתָּרוֹת וָואס זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אִין דִי תּוֹרָה.

דִי תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ מַמָּשׁ אַלֶעס, וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טְרַאכְטְן אוּן דֶערְצֵיילְן, אַלֶעס וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אַלֶע מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען אִיבֶּער דִי וֶועלְט, אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען נִכְלָל אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת. אוּן דִי פִּילֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען מִיט דִי אוֹיגְן וִוי אַזוֹי אַזוֹיפִיל זַאכְן אוּן פַּאסִירוּנְגֶען אִיז גֶעלִיגְן אִין דִי תּוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר ווּאוּנְדֶערְלִיךְ אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְט; גָאר מֶערְקְוִוירְדִיגֶע אוּן שְׁטוֹינֶענְדֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אוּן גֶעהֶערְט פְרִיעֶר.

אוּן דָאס גֵייט וַוייטֶער אָן נָאךְ בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, וֶוער עֶס לֵייגְט זִיךְ גוּט אַרַיין אִין דִי סְפָרִים אוּן דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן כְּסִדְרָן, וֶועט מֶען טְרֶעפְן יֶעדְן טָאג אִין דִי סְפָרִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, מִיט אַלֶע פְּרָטִים אוּן דֶעטַאלְן.

תקעט

נָאכְ'ן זָאגְן דִי תּוֹרָה "וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם", הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# היכל הלכה

## הלכות קידוש סעיף רע"א

**הקדמה:**

**מקדש על כוס מלא יין** (מחבר סעיף י') - מען דארף קידוש מאכן אויף א כוס וואס איז אינגאנצן פיל; די משנה ברורה ערקלערט[01] אז קידוש איז א כוס של ברכה, און א כוס של ברכה דארף זיין אינגאנצן פיל[02].

די מקור פון די הלכה אז א כוס של ברכה דארף זיין אינגאנצן פיל איז פון די גמרא (מסכת ברכות נ"א) ער רעכנט דארט אויס צען זאכן וואס א כוס של ברכה דארף אלץ האבן, און איין פון זיי איז 'מלא'; עס דארף זיין פיל. בנוסף צו דעם זאגט די גמרא: **אמר ר' יוחנן, כל המברך על כוס מלא נותנין לו נחלה בלי מצרים** - איינער וואס זאגט א ברכה אויף א פילע כוס איז זוכה צו פיל גוטס אן קיין גרעניץ, דאס מיינט זייער אסאך גוטס. ר' יוסי בר חנינא אומר זוכה ונוחל שני עולמים - ר' יוסי בר חנינא זאגט ער איז זוכה צו ירש'נעןביידע וועלטן; די וועלט און יענע וועלט.

פיל מיינט: אז עס איז אזוי אנגעפילט פון אויבן אז עס גייט אויף די זוים; דאס מיינט די וואנט פון די כוס.

### הגהות

01) סקמ"ב.

02) כמבואר בשו"ע סי' קפ"ג סעי' ב'.

03) שם סי' קפ"ג סעי' ב'.

04) להעמיד על בריו: כי לשון הטו"ז הוי כך: שאם יהיה מלא הרבה ישפך ויתבזה, וכמו שכתוב (ריש סי' קע"א) אין מעבירין על האוכלין, וכ' ע"ז המור וקציעה, ותוכן דבריו הוא, דאין מעבירין על האוכלין, אינו נוגע באמת כאן אלא הנקודה שלומדים משם, דהיינו - דיש דין דאסור להעביר כוס מלא על האוכלין כי שמא ישפוך והאוכלין יתבזה - דהיינו יש דין של ביזוי אוכלין כמו כן כאן אם ישפוך, יתבזה - ילך לאיבוד המשקה.

05) משנ"ב שם, א"ר סק"ד.

06) **מען קען צושטעלן א דין צו דעם א ראי' אז עס הייסט נישט קיין בל תשחית ווייל ס'איז דא אין דעם א תועלת:**

אזוי איז די טור מסביר (סי' קפ"ג) און אזוי פסק'נט דער הייליגער רמ"א[03].

למעשה זענען דא וואס פילן עס נישט אן ממש ביז אויבן, דער טו"ז רעדט שוין פון דעם און ער פארענטפערט עס אז די מענטשן האבן מורא אז ווען מען וועט אויפהייבן די כוס וועט זיך אויסגיסן אביסל און עס וועט זיין בל תשחית ווייל די ווין וואס גיסט זיך אויס וועט גיין לאיבוד[04].

די משנה ברורה ברענגט פונעם אליהו רבה [05] אז מען זאל עס אנפילן אינגאנצן און מען זאל נישט חושש זיין דאס אז עס גיסט זיך אויס ווען מען הייבט עס אויף[06]; עס הייסט נישט קיין בל תשחית ווייל מען טוט עס פאר די מצוה.

מען דארף געדענקען אז דאס אנפילן ביז אויבן איז נישט מעכב נאר עס איז א מצוה; ד.מ. אויב עס איז נישט געווען אנגעפילט ביז אויבן האט מען יוצא געווען קידוש [07].

**א]** עס איז א מצוה פון די הייליגע חכמים אז די כוס זאל זיין אינגאנצן פיל, און מען איז זוכה דורך דעם צו לעכטיגע ברכות פון חז"ל.

**ב]** עס איז א מצוה, אבער עס איז נישט מעכב; אויב די כוס איז נישט געווען אינגאנצן פיל האט מען יוצא געווען קידוש.

**ג]** עס זענען דא פוסקים וואס זאגן אז עס מוז נישט זיין ממש פיל ביז אויבן, מער ווייניגער פיל איז אויך גוט, און אדרבא; ס'זאל נישט זיין פיל ביז אויבן ממש, ווייל אויב יא גיסט זיך עס אויס און עס איז בל תשחית.

למעשה נעמט מען אן ווי די אנדערע פוסקים וואס זאגן אז עס זאל זיין פיל ממש ביז אויף די ווענט פון די כוס און עס איז נישט קיין בל תשחית ווייל מען טוט עס פאר די מצוה.

**ד]** אויב די כוס איז נישט אינגאנצן פיל; למשל מען האט נישט געגוג וויין\גרעיפ דשאו"ס, קען מען אריין לייגן עפעס אין די כוס אזוי אז עס זאל זיין פיל [08]. אבער, פארשטייט זיך אז די כוס דארף האבן א רביעית; אן א רביעית איז עס נישט כשר.

## הגהות

**עס שטייט אין שו"ע או"ח סי' תק"ס הלכות אבלות וואס די חכמים האבן מתקן געווען נאכן חורבן בית המקדש. איין פון די זאכן איז אז מען פירט זיך אז א חתן אונטער די חופה צוברעכט א גלאז – אזוי שרייבט דער רמ"א דארט – זכר לחורבן בית המקדש. די משנה ברורה סק"ט שרייבט: אז עס זאל זיין דייקא א גאנצע גלאז ווייל אזוי טוט עס מער וויי; ס'באדערט מער, און עס איז נישט קיין בל תשחית ווייל מען טוט עס דאך פאר א תועלת; זכר לחורבן הבית.**

07) זה לשון המשנ"ב: דע דמלא הוא רק למצוה לכתחילה ואינו מעכב, אם אך יש בהיין שיעור רביעית.

08) המג"א בסי' קפ"ב סקי"ב, כ', אם הכוס מלא ע"י שיש בתוכו גם פירורים של לחם נחשב שהכוס מלא - ובשו"ע התניא מפורש יותר: וזלה"ק יכול ליתן איזה דבר לתוך הכוס להגביה היין, עד שיהא הכוס מלא, שאין הכוס צ"ל מלא כולו מיין, כל שלא יהיה הכוס חסר. וכן פסק המשנ"ב סקל"ב ג"כ, ואף שיש חולקים על מג"א, התוספת שבת סי' ער"ב סק"ט וסובר דאין יכול לתת שא"ד לתוך הכוס, אלא צריך שיהא מלא יין דוקא להלכה נראה כד' מג"א כי כן פסק השו"ע הרב, ומשנ"ב.



# פְּשָׁרָה'לָאג

א י ן
***קורצן פון פריער:*** *ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט. און יעדן ערליכן איד וואס איז געקומען קיין אמעריקע.*

*ער מאכט חתונה די קינדער יונג און נאר צו ערליכע בחורים.*

*זיין טאכטער רוחמה מוטשעט אים צו לאזן גיין קיין קאני איילענד שווימען.*

***און יעצט לייגט ווייטער.***

ר' יעקב יוסף האט זיך אוועקגעזעצט מיט רוחמה און איר מסביר געווען: "אויב דו וואלסט געזען א גרויסן שילד וואס עס שטייט דערויף: 'סכנה! עס איז געזעצליך פארבאטן דא צו שווימען!' וואלט דיר זיכער נישט איינגעפאלן צו גיין שווימען דארט, ווייל עס קען טאקע זיין א סכנה און עס איז קעגן די געזעץ.

דו דארפסט פארשטיין אז גיין שווימען אין קאני איילענד איז אפשר נישט אזוי מסוכן פארן גוף, אבער עס איז גאר מסוכן פאר דיין נשמה.

ד י
תורה פארלאנגט פון אונז צניעות, און א אידישע טאכטער וואס וועט אי"ה באלד זיין א אידישע מאמע, מוז האבן דעם יסוד פון צניעות; עס גייט נישט אן דעם.

רוחמה, דו ביסט שוין צוועלף יאר אלט און דו מוזסט שוין אנהייבן היטן אלע הלכות וואס מיר לערנען זיך נאך פון די אמהות. איך פארשטיי אז יעצט איז דיר שווער, ספעציעל אז אלע חבר'טעס גייען, אבער עס וועט קומען א טאג וואס דו וועסט אונז באדאנקען פארן דיר אפהאלטן פון גיין."

אבער דאס יונג קינד האט עס נישט געקענט אקצעפטירן. "איך וויל זייער שטארק גיין!" האט זי ווייטער געמוטשעט.

דער טאטע איז אויפגעקומען מיט א פשרה: רוחמה קען גיין, אבער זי וועט דארפן זיין אנגעטון פולשטענדיג צניעות'דיג, מיט א לאנגע קלייד און לאנגע זאקן.

רוחמה האט זיך געשעמט און איז נישט איינגעגאנגען דערפאר. עס איז איר ענדערש געווען נישט צו גיין שווימען, איידער צו גיין אנגעטון אזוי ווי דער

טאטע
האט פארלאנגט און ווערן פארשעמט פאר אירע חבר'טעס.

איין טאג איז רבי יעקב יוסף אהיימגעקומען אפגעברענט פון די זון. זיין ווייב האט זיך געוואונדערט: "וואו ביסטו געווען אז דו ביסט אזוי אפגעברענט?"

"די אמעריקאנער יוגנט ווייסט נישט אז מען טאר נישט שווימען בתערובות," האט ער געענטפערט. "האב איך באשטעלט א גרויסן שילד, עס אנגעהאנגען אויף מיינע אקסלען און ארומשפאצירט דערמיטביים וואסער."

אויפ'ן שילד איז געשטאנען: "אידישע זון און טעכטער, אונזער הייליגע תורה פארבאט צו שווימען בתערובות."

"וועט דיר דען איינער אויסהערן? וואס האסטו אויפגעטון, אויסער זיך אויסמוטשען?" האט איידל געפרעגט.

"איין טאג וועל איך דארפן אפגעבן א דין וחשבון ביים בית דין של מעלה, און מען וועט מיר פרעגן וואס איך האב געטון אפצושטעלן די עוולה. אזוי האב איך כאטש געטון וואס איך האב געקענט."

### א גוטע אינוועסמענט

צוליבדיאלע"אייביגעגעשעפטן"וואס האבן פארנומען דעם גרעסטן טייל פון זיין



**ם. מאנן 19**

טאג, איז זיין פעל-געשעפט געווארן שוואכער און שוואכער. עס האט געהאלטן ביי א מצב וואס דאס געשעפט האט נאר פארמאגט 128 דאלאר אין די באנק.

רבי יעקב יוסף האט באשלאסן אז עס איז א שאד אז דאס געלט זאל אויסגיין אויף נישטיגע זאכן, און ער האט מחליט געווען צו מנדב זיין די גאנצע סומע.

אין יענע יארן איז נישט געווען אזא מושג אז יעדע שטוב זאל פארמאגן א לוח. עס איז נאר געווען א לוח אין שול, און אידן פלעגן קומען קוקן די זמנים אין בית המדרש.

רבי יעקב יוסף האט זיך פארבונדן מיט א רב און אים געזאגט אז ער ווייסט פון איינעם וואס וויל מנדב זיין $100 (וואס איז דאן געווען א שיינע סכום) צו דרוקן קליינע לוחות פאר אידן צו האלטן אין שטוב.

אזוי האט מען צום ערשטן מאל געדרוקט קליינע לוחות, וואס האבן שטארק מחזק געווען אידישקייט און דאס היטן די זמנים.

**פארשפרייטן אידישקייט**

רבי יעקב יוסף האט זיך נישט באגנוגט מיט עסקנות, נאר ער איז אויך געווען אקטיוו פארנומען מיט'ן פארשפרייטן תורה און אידישקייט.

יעדע וואך פרייטאג צונאכטס פלעגט ער גיין צו די שול אויף מעדיסאן סטריט און דארט געבן א שיעור אויף די פרשה פון די וואך; די שול פלעגט זיין היבש פול ביי זיין שיעור. אזוי אויך פלעגט ער געבן א שיעור יעדע אוונט פאר ארבעטס-אינגעלייט.

דאס אלעס האט ער פארשטייט זיך געטון אן באקומען קיין פרוטה באצאלט.

אין יענע תקופה פלעגן די קינדער אין אמעריקע ליידער גיין אין פובליק סקול, וואו זיי האבן באקומען א פרעמדע גוי'איש חינוך. דאס הייליגע הארץ פון רבי יעקב יוסף האט דאס נישט געקענט צוקוקן, און יעדן נאכמיטאג פלעגט ער פארשליסן זיין געשעפט און נעמען דעם טרעין אראפ צו די געגנט פון די 'תפארת ירושלים' שול.

ער פלעגט מיטנעמען א קויש (בעסקעט) מיט שאקאלאדן, זיך דרייען צווישן די קינדער און פרעגן: "ווער וויל שאקאלאד?" ער פלעגט זיי זאגן אז ווער עס קומט אריין מיט אים אין שול פאר עטליכע מינוט, וועט באקומען פיינע שאקאלאד. די קינדער זענען איינגעגאנגען אויפ'ן אפמאך, און רבי יעקב יוסף האט געדאווענט מיט זיי און געלערנט מיט זיי תורה פאר עטליכע מינוט און זיי דערנאך באצאלט מיט די געשמאקע שאקאלאד.

דער חדר איז געוואקסן. די שמועה האט זיך שנעל צעשפרייט צווישן די קינדער, אז נאך סקול איז דא א מענטש וואס טיילט שאקאלאד פאר ווער עס איז מסכים צו קומען דאווענען און לערנען עטליכע מינוט. רבי יעקב יוסף האט באמערקט אז אסאך קינדער קענען ניטאמאל עברי; ער פלעגט זיצן מיט זיי און זיי אויסלערנען עברי און דאווענען. אויך פלעגט ער זיי דערציילן אינטערעסאנטע מעשיות פון תנ"ך וואס האבן געהאלטן די קינדער געשפאנט, בשעת ער פלעכט אריין יראת שמים און אמונה אין זייערע יונגע אבער אומבאקאנטע הערצער.

רבי יעקב יוסף האט געהאט א שפראך מיט די קינדער און זיין שיעור איז געוואקסן פון טאג צו טאג. איין טאג איז אנגעקומען א נייע פרישע יונגל צום שיעור.

"וויאזוי הייסטו?" האט זיך רבי יעקב יוסף אינטערעסירט.

"אנטאניא."

"וואו וואוינסטו?"

"נישט ווייט פון דא."

רבי יעקב יוסף האט געזען אז דאס קינד דרייט זיך ארויס פון ענטפערן קלאר. עס האט נישט גענומען לאנג ביז ער איז דערגאנגען אז דאס יונגל איז גאר אן איטאליענישער גוי וואס האט זיך פארשמעקט א פיינע שטיקל שאקאלאד!

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# געדאנקען

## א מתנה פאר קאומאו

מיר האלטן שוין ברוך השם ביי זעקס שטיקלעך פון ר' יוסף ראזנבלאט ז"ל וואס דער ראש ישיבה נוצט ביי "ממקומך".

נחנו בידך פון "המבדיל".

אוי אוי ותתן לנו חיים ארוכים פון ראש חודש בענטשן.

קלי קלי למה עזבתנו (אין פייער און פלאמען).

זכור טען מקלו ועבר ירדן מים פון שמיני עצרת ביי תפלת גשם.

קרוץ מחומר

און לעצטנס האבן מיר געהערט די זעקסטע שטיקל, שומר ישראל שמור שארית ישראל.

אבער לאמיר צוריקגיין אביסל, לאמיר אנהייבן מיט דאנערשטאג פינעף אזייגער נאכמיטאג ווען דער ראש ישיבה איז געקומען אין "היכל ראזענבערג" אין די ישיבה המתנהלת על ידי המגיד שיעור מו"ה יוסף שניטצלער שליט"א והמנהל מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א, דער ראש ישיבה האט געגעבן די טעגליכע פינעף אזייגער שיעור, מען האט גערעדט פון דרך ארץ און נאך נושאים.

אינמיטן די שיעור בין איך אריין און איך האב געהאט אין מיין הענט די סיין וואס מען לייגט אויף דער ראש ישיבה'ס טיש פאר די פרנס החודש, דער ראש ישיבה האט געזען אז איך וויל נישט שטערן די שיעור און איך זעץ מיך אראפ אן לייגן די סיין, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ברענג די סיין, דו שטערסט נישט, איך וויל העלפן די כולל, אדרבה, קום אהער און לייג די סיין".

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון פשוט דרך ארץ: דו לאזט אויף דער ערד דיין האנטוך ווען דו גייסט ארויס פון מקוה?

דו לייגסט אוועק דיין סידור נאכ'ן דאווענען?

דו טראגסט ארויס דיין קאווע גלעזל נאכ'ן טרינקען די קאווע?

דו דעקסט צו דיין מויל מיט די הענט ווען דו מאכסט א גענעץ?

און נאך.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז מיט יארן צוריק איז ער געפארן אין איינעמס קאר, יענער עסט זיך אפ א גוטן וועטשערע און נעמט די גאנצע מעשה אינעם שאפינג בעג, און שיסט עס ארויס פון פענסטער זאגנדיג "א מתנה פאר קאומאו".

דעמאלטס האט געהייסן דער גאווערנער פון ניו יארק "קאומאו".

דאס איז מענערס?! דאס איז מענטשהייט?! האט דער ראש ישיבה געפרעגט, ווייל קיינער זעט נישט?! דער אייבערשטער זעט!

איבערלעבענישן,
אנאליזן און
געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

נאך די פינף אזייגער שיעור זעמיר געפארן קיין קרית יואל (נישט איידער'ן מאכן א שיינעם יום טוב ארדער אין לעמאנעיד סופערמארקעט) צו זיין ביי די ניין אזייגער דאנערשטאג נאכט שיעור.

דארטן האט מען געהערט גאר שיינע זאכן בנוגע דעם דרך הלימוד פון רבי'ן וואס מאכט א מענטש לערנען און פארשטיין כל חלקי התורה, און אויך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שפאר ביסל פיינענשל אדווייס וואס איז ווערד א כל הון דעלמא.

אבער קודם א ווארט וואס איך האב געזען דארט לגבי זיך איבערגעבן צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט שוין אסאך מאל גערעדט פון דעם אז מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט זאגן אז ווען ער זאגט א דרשה וויל ער דייקא עס זאל ווערן רעקארדירט, ווייל מאן יימר אז די מענטשן וואס זיצן דא וועלן טאקע הערן און אויספאלגן די דיבורים?.... אבער אז מען כאפט עס אפ בלייבט עס לדורות, במילא אפילו אויב עס וועט נישט נוצן היינט קען מען עס נוצן א צייט שפעטער.

האב איך באמערקט דאנערשטאג ביי די שיעור אז עס איז נישט געווען אלע נויטיגע רעקארדירונגס מכשירים, און דערצו איז נישט געווען די כלים אז עס זאל פארמעגליכט ווערן א לייוו הוק-אפ אין קרית ברסלב און אין אנדערע מקומות, דאך האב איך געזען אז דער ראש ישיבה געבט דעם שיעור אזוי ווי געוועגליך, בשעת א צווייטער וואלט זיך געקענט ערגערן פארוואס עס ווערט נישט צוגעשטעלט אלעס ווי עס געהער צו זיין, האט דער ראש ישיבה געגעבן א פרייליכע געשמאקע בא'טעם'טע דרשה פול מיט חיות און חיזוק.



# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

נאכמער, כ'האב אפילו געהערט די ערשטע נאכט יום טוב ווי דער ראש ישיבה זאגט פאר איינעם אז עס איז א ווייטאג אז עס קומט פאר א דאנערשטאג נאכט שיעור און מען האט נישט קיין לייוו הוק-אפ, דאך האב איך געזען ביי די שיעור אז ס'איז געווען א הערליכע געשמאקע שיעור אז דער עולם זאל נישט פילן אז דא איז דא א זאך וואס קען שטערן די שיעור, ווייל מענטשן ווארטן צו מיטהאלטן די לייו הוק-אפ און עס איז נישט דא קיין לייוו הוק-אפ.

האב איך געזען אז מען דארף זיך איבערגעבן צום אייבערשטן און נישט ווערן STUCK אין די זייטיגע שטערונגען. דער אייבערשטער איז בעל הבית און מיר זענען זיינע קנעכט און טוען זיין ווילן סיי ווען עס גייט ווי איך וויל און סיי ווען עס גייט נישט ווי איך וויל.

די וויכטיגע פיינעשל אדוויים וואס דער ראש ישיבה האט געגעבן דאנערשטאג נאכט ביי די שיעור אין קרית יואל איז געווען בנוגע וואס הייסט הצלחה און וואס נישט.

אויב דיין ביזנעס איז אזוי גרויס און אזוי מעכטיג אז עס איז פשוט נישט פארהאן די מעגליכקייט דו זאלסט קענען טעגליך זיין אביסל מיט די ווייב און קינדער נאך א טאג ארבעט, ביזטו נישט קיין מוצלח אפילו עס טוט זיך אין דיין ביזנעס הויכע ציפערן.

אויב דו קענסט אהיימגיין פינעווע זעקסע זיבענע און זיין אין שטוב אן זיין צוגעשמידט מיט קייטן צו די ביזנעס, דאס איז שוין איינמאל הצלחה, אפילו אויב די געלט איז בצמצום.

דאס האבן א געזונטע קשר מיט די ווייב אין קינדער אין די געזונטע מענטשליכע שעות, דאס איז הצלחה.

דאס מין זאך פון זיין פיר און צוואנציג שעה צוגעטשעפעט צו די ביזנעס אזוי ווי צוויי ארעסטאנטן וואס מען האט זיי צוגעטשעפעט איינער צום צווייטן דורך אייזערנע הענד-קאפ'ס (HAND-CUFFS) דאס האט נישט קיין שייכות מיט הצלחה, דאס איז א קנעכטשאפט, דאס איז נישט פאר א איד, א איד איז נישט קיין קנעכט, א איד איז א קנעכט צום אייבערשטן, א איד איז באפרייט פון די ביזנעס פון ער ענדיגט היינט די רעגולער ארבעט שעות, ביז מארגן נאך מקוה און שחרית און חומש און משניות און גמרא, אז די רצון השם איז מען זאל זיין א בן חורין איז פשוט א שאד נאכצולויפן די קנעכטשאפט אין אווערטיים.

די ערשטע נאכט יום טוב ווען מיר זענען געקומען אין שול עטליכע מינוט נאכ'ן זמן הדלקת הנרות, איז געווען שיינע שיחות מיט דער ראש ישיבה.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "האסט געקענט שלאפן היינט נאכמיטאג? איך האב נישט געקענט שלאפן, אסאך מאל פאר א חתונה, אפילו מען וויל שלאפן קען מען נישט, ווייל מען פריידט זיך שוין צו די חתונה, איך בין שוין אזוי פרייליך צו די חתונה פון די אייבערשטער מיט די אידן".

דערנאך איז געווארן די שמועס לגבי איינער וואס ס'האט אים ווי געטון די פיס, צו מען קען לערנען זוהר מיט תשעה קבין אנשטאט א מקוה.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר יענעם וואס צו טון.

דערנאך האט איינער געפרעגט וואס טוען די מענטשן וואס גייען נישט אין מקוה.



# אַ בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:



## בילד פון פאריגע וואך:

פרישטאג אין ביהמ"ד היכל הקודש אויף בעדפארד ווינטער שנת תש"ע



# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**סיום מסכת סוטה פון הילד וואלווי מינצבערג נ"ו און סיום מסכת יבמות פון הילד מושי מינצבערג נ"ו אין תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש - עש"ק במדבר**

קרעדיט: שלמה מינצבערג



**הכנות צום יום טוב שבועות אין שטעטל - ג' נשא א'**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**די בחורים פון ישיבה אין שטעטל ביים זיך שפילן אין הויף - ג' נשא א'**

קרעדיט: אייזיק ראטה















**די עלטערע קינדער פון תלמוד תורה בית שמש ביים פארברענגן אין פארק נאכן לערנען פלייסיג - ב' במדבר**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**סיומי מסכתות פון הילד שלום ני"ו בן מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק בהר בחקותי**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**ברית פון הילד אליעזר שלמה ני"ו בן מו"ה יחזקאל שארף הי"ו אין ישיבה - ג' נשא-א'**

קרעדיט: יוסף מאיר אריה, אלימלך ראזענבערג





**די קינדער פון די קלענערע כיתה אין תלמוד תורה אין בני ברק פרייען זיך מיט די תורה - ד' נשא-א'**

קרעדיט: משה רעכניצער








**תלמוד תורה היכל הקודש טבריה אריבער צו א נייע לאקאל - נשא-א'**

קרעדיט: שמואל אייזיק פערל



**סיום אין די עלטערע כיתה פון תלמוד תורה בני ברק - ד' נשא-א'**

קרעדיט: משה רעכניצער



**ביהמ"ד עצתו אמונה אין יבנאל שיין באצירט לכבוד שבועות - ערב שבועות**

קרעדיט: דובלה קליין





**ביים אהער שטעלן די ביהמ"ד אין שטעטל לכבוד יום טוב שבועות - ד' נשא-א'**



**ביהמ"ד עצתו אמונה אין אלעד שיין באצירט לכבוד שבועות - ערב שבועות**

קרעדיט: נח לוין



**ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים שיין באצירט לכבוד שבועות - ערב שבועות**

קרעדיט: יענקי סאמעט




**וועכינטליכע שיעור אין די פארגרעסערטע ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל - ד' נשא-א'**

קרעדיט: נפתלי זאבעל




**שמועסן נאכן שיעור אין קרית יואל - ד' נשא-א'**

קרעדיט: נפתלי זאבעל




**חבורת היכל הקודש טבריה הכנה לשבועות - ד' נשא-א'**

קרעדיט: שמואל אייזיק פערל





**נייע גרויסע מאשינען אנגעקומען צו די בית הדפוס אין בני ברק - ערב שבועות**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





**מו"ה אייזיק אפפעל ביים אהערשטעלן שיינע בלומען פאר די ביהמ"ד אין שטעטל - ערב שבועות**

קרעדיט: אייזיק ראטה





**הארציגע רוף צו אנשי שלומינו צו שטיצן דעם כולל אין שטעטל - ערב שבועות**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**ביים אויפהענגען א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין בני ברק - ערב שבועות**

קרעדיט: אייזיק ראטה





**די געטרייע גבאי מו"ה יואל לעווי הי"ו ביים באצירן ביהמ"ד היכל הקודש אין בני ברק - ערב שבועות**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש









**די ביהמ"ד אין שטעטל שיין באצירט לכבוד שבועות - ערב שבועות**

קרעדיט: אייזיק ראטה





**די בחורים ביים העלפן אנגרייטן די ביהמ"ד אין שטעטל לכבוד שבועות - ערב שבועות**

קרעדיט: אייזיק אפפעל









**פרייליכע טענץ אין ביהמ"ד אין שטעטל נאך א דערהויבענע יום טוב שבועות מיט דער ראש ישיבה שליט"א**

קרעדיט: אייזיק ראטה

# אינדערהיים



## איך זוך נישט קיין שידוכים פאר מיינע קינדער

**ש. טראכטער**



## Elegant Acai Board

**רעצעפיס**

בליטשקעדיגע דיאמאנטן

**מ. פעדער**

צוימען

**ג. פעקעטע**

# אינדערהיים



4



12


**בס"ד**
נשא ב'
תשפ"ו
**נומער 20**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער



**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**

אידיש שטוב:
**212.444.9169**

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## מאנטאג אויפ'ן וואג

א פלאמעדיגע זון,
איז ארויסגעקומען,
פון העכער די בערג,
זי האט זיך אנטפלעקט,
ארויסגעשטעקט,
פינגער שפיצן,
פון פייער שטראלן.

א גוט מארגן!
לעכטיג די וועלט,
די זון האט אנגעפאנגען,
נאכאמאל שיינען,
שיקן שטראלן,
ווארעמען און גלעטן.
די זון אויפגאנג,
א פרישע אנפאנג.

ביים הייליגן רבין,
אזוי איז געווען,
1000 מאל אין טאג,
אנגעפאנגען,
א פרישע צייט,
א נייע בלאט.
מעכשיו אני מתחיל,
דעם הייליגן רבין'ס פזמון,
זיך באנייען מוז מען.

פאראויס,
פון יעצט,
קוק נישט צוריק,
מען קען נאר צוקלאפן,
בלייב נישט באטראכטן,
דיינע פלאפן.

וואס געווען,
שוין געשען,
דריי נישט דיין קאפ,
ווי לוט'ס ווייב,
סטאפ.
קענסט נאך ווערן,
א שטיק זאלץ.
אפילו דו פילסט,
אומגעלונגען,
ארומגענומען מיט,
שטרויכלונגען.
הייב אן פריש,
א נייע התחלה,
מעכשיו!

פון יעצט!
לאז נאך די grip,
פון דיינע,

אלטע עוונות,
שווערע חשבונות,
זאג מעכשיו,
הייב זיך אויף,
פון יעצט האף,
צו טון,
צו זיין,
כולו טוב.

דער יצר ער וועט,
קומען צו דיר,
פרום ערנסט,
שטראפן,
אנקלאגן,
שטרענג זאגן,
פארמאכן דיין טיר,
פון הצלה,
רעדן מיט זלזול,
מיט השפלה,
נישטא פאר דיר,
קיין נייע התחלה.

א ריזיגע סיי ווי,
וועט ער ברענגען,
סיי ווי טוסטו,
סיי ווי ביסטו,
עס לוינט נישט,
זיך אנשטרענגען,

בלייב אזוי,
לאז אלעס הענגען...

איגנאריר,
זיין זיסע קול,
בלייב ביים טיר,
ווי כאילו,
מ'מיינט נישט דיר.
בעט זיך און וויין,
מעכשיו,
פליז, פליז,
לאזט מיר,
איך וויל אריין.

זאג באשעפער,
איך וועל נישט,
בלייבן פארזעצט,
פארגעב וואס איך האב,
גרינגגעשעצט.

ווי דער הייליגער רבי,
הייב אן פעסט,
פון יעצט,
הייב אן שיינען,
א פרישע נץ!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ש. טראכטער



# איך זוך נישט קיין שידוכים פאר מיינע קינדער

"מזל טוב. א שידוך."

"מזל טוב! לאמיר הערן. ווער?"

מיין שוועסטער דערציילט מיר די איינצלהייטן. אויפ'ן ערשטן בליק (נארישע בליק... מענטשליכע אויג וואס רעדט זיך איין אז די ביכער דארפן שטימען) איז עס זייער אן אינטערעסאנטע צוזאמענשטעל. (אן דעם רבי'נס אויגן).

"וואו קומט ... צו ...?"

"הער א מעשה," דערציילט מיר מיין שוועסטער.

זי דערמאנט מיר אז ביי די פינף יאר האט מען ל"ע אנטדעקט די ביטערע מחלה ביי די כלה. איך האב געדענקט די מעשה. זי לייגט אבער יעצט צו די אנדערע האלב.

"אין יענער זעלבער תקופה איז געוועזן מיט זיי אין שפיטאל א צווייטע משפחה מיט זייער זון, בערך אין דעם זעלבן עלטער. די קינדער זענען אינאיינעם אריבער די שווערע תקופה. די משפחות האבן זיך מחזק געווען אינאיינעם און געהאלפן וויאזוי מען האט געקענט."

"און דער שדכן איז געווען דער חיי לייפליין וואלאנטיר," פירט זי אויס.

"דער אייבערשטער פירט די וועלט.

"נישט אזוי?" לייגט זי צו.

איך טראכט איבער די מעשה. יא, דער אייבערשטער פירט די וועלט. קיין ספק. אבער זאג עס איבער העכער און העכער "דער אייבערשטער פירט די וועלט!" נאכאמאל און ווידעראמאל ביז עס וועט מיר אריין צו די טיפעניש פון מיין נשמה, "דער אייבערשטער פירט די וועלט!"

און עס מוז נישט זיין מיט א שידוך פון דער ביטערער מחלה. אויב א שידוך איז געשען איז עס ווייל "דער אייבערשטער פירט די וועלט." צי עס שטימט יא צו דיין שכל אדער נישט. צי דו פארשטייסט יא אדער נאך בעסער ווען דו פארשטייסט נישט.

"וואו קומט שטיין צו קליין? און שווארץ צו ווייס? און שפיצער צו שניצער?"

נאכאמאל... לאמיר פארשטיין דיין שאלה. וואס ווילסטו פארשטיין? פארוואס? וויאזוי? די ענטפער איז די זעלבע ווי ביי דעם אויבנדערמאנטן שידוך, "ווייל דער אייבערשטער פירט די וועלט!"

דער אייבערשטער פירט אונזער לעבן אין יעדן פרט, יעדן ריר, ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט ביי א שיעור פאר די פרויען פרשת תרומה אז דער רבי'ס ספרים זענען געבויעט אויף "צו וועמען געהערט די מלכות?" די מלכות געהערט צום אייבערשטן. ווי מער א מענטש נעמט אריין די פשוט'ע אמונה אין זיך, ווערט ער אלץ מער בטל צום אייבערשטן, אלץ בעסער און שענער ווערט זיין לעבן. דער אייבערשטער פירט די וועלט. ער דארף נישט אונזער הסכמה צו עס שטימט יא אדער נישט.

ווען עס קומט צו דער נושא פון שידוכים, מוזן שוין אלע אויפהייבן הענט און מודה זיין אז "דער אייבערשטער פירט די וועלט."

מיין באבע תחי' האט מיר אמאל געזאגט, "ביי מיין ערשטן שידוך האב איך פאר יעדן דערציילט, 'איך האב געטון א שידוך.' ביי דעם נעקסטן האב איך געזאגט, 'איך האב געטון א שידוך מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.' ביי מיין דריטן קינד האב איך שוין מודה געווען אז, 'דער אייבערשטער האט געטון א שידוך, איך האב פרובירט נישט צו שטערן!'"

חז"ל זאגן אונז אז מיר זעען פון תורה נביאים און כתובים אז א שידוך איז פון באשעפער. עס שטייט אין דער תורה אז ווען אליעזר איז געקומען זוכן א כלה פאר יצחק האט בתואל געזאגט, "מה' יצא דבר." פון אייבערשטן קומט די זאך.

אין נביאים זעען מיר ביי שמשון הגיבור "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא" - זיינע עלטערן האבן נישט געוואוסט אז דאס קומט פון אייבערשטן.

אין כתובים, אין משלי, זאגט שלמה המלך "בית והון נחלת אבות, ומה' אשה משכלת" - א הויז און געלט קען מען באקומען בירושה פון די עלטערן, אבער א פרוי, א שידוך, קומט פון באשעפער.

עצת ה' הוא תקום - דער אייבערשטער'ס פלאן ווערט אויסגעפירט, מיט אונזער ווילן אדער אן אונזער ווילן.

**ענדליך האב איך מיטגעהאלטן ביי א שידוך וויאזוי די מחותנ'סטע האט ארומגערופן פאר אינפארמאציע און געהערט "פונקט וואס זי וויל נישט."**

צומאל פרעגן מענטשן אויב איך האלט אז איך בין אחריות'דיג צו קומען קיין ברסלב און "איינשטעלן" די שידוכים פון די קינדער. זיי פרעגן מיר אויב איך בין נישט באזארגט אויב איך וועל טרעפן שידוכים פאר די קינדער.

זייט נישט ברוגז, אבער דאס איז איין שאלה וואס איך פארשטיי נישט. עס גייט מיר נישט אריין אין קאפ. מיינט נישט אז מיין אמונה איז אויסגעארבעט, אבער דאס איז איין זארג וואס קומט מיר ניטאמאל אויף אין געדאנק. די סיבה איז פשוט, "איך זוך נישט קיין שידוך פאר מיינע קינדער." באמת! איך זיך נישט קיין שידוכים, ווייל זיי האבן שוין שידוכים. מען האט שוין געטראפן שידוכים פאר זיי. נאך איידער דאס קינד איז געווען ביי מיר אין שטוב, נאך איידער דאס קינד איז געבוירן געווארן, איז שוין דער שידוך דא געווען. מען האט שוין אויסגערופן פערציג טעג איידער יצירת הולד "בן פלוני לפלוני... צו בת פלוני לפלוני..."

ווי קומען די עלטערן בכלל אריין אינעם בילד? אפשר בין איך געקומען קיין ברסלב "ווייל זייערע שידוכים זענען אנגעשריבן פון דא?" (און אזוי אינצווישן זענען מיר, די עלטערן, זיך שוין מחי', אבער באמת איז עס פשוט ווייל אונזערע קינדער דארפן שידוכים

פון ברסלב??)

דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט די מעשה אז א איד האט אמאל געוואלט טון א שידוך מיט זיין טאכטער, אבער ער האט געהאט א פראבלעם, אז זיין מאמע האט געהאט אן אלטע חשבון מיט די באבע פונעם חתן, און ער האט געזארגט אז זי וועט נישט צושטימען צום שידוך. דער איד איז געגאנגען צו זיין רב זיך אדורכרעדן. דער רב האט אים געגעבן אן עצה אז ער זאל כאילו ארויפגיין צו דער מאמע און איר געבן די גוטע געפיל כאילו מען פרעגט איר מיינונג.

דער איד האט אזוי געטון און איז ארויף צו זיין מאמע. ער האט געפרעגט די מאמע אז ער ווייסט נישט וואס צו טון. מען טראגט זיי אן א גוטע שידוך, אבער עפעס ליגט אים אין קאפ אז די באבע האט עפעס מיט דעם בחור'ס באבע.

די מאמע, וועלכע האט זיך געפריידט אויף די אנערקענונג, האט דאס גלייך וועקגעמאכט און געזאגט, "נע, מאך זיך נישט נאריש. עס איז אן אלטע מעשה. אוודאי זאלסטו טון דעם שידוך."

"נאר איין זאך..." האט זי צוגעלייגט, "איך טראכט נאר פון מיין מאמע, באבי. טו א מצוה, גיי ארויף צו איר און שמועס עס כאילו אדורך. עפעס ליגט מיר אין קאפ אז זי האט אמאל געהאט א געפעכט מיט דער באבע פון דער אנדערער זייט."

ערלעדיגט. דער שפיל חזר'ט זיך איבער. דער אינגערמאן גייט ארויף צו זיין באבע און זאגט איבער די דרשה. אויך דא איז די באבע מסכים בלב שלום, נאר זי האט א בקשה.

"טו מיר א חסד. גיי ארויף צו דער עלטער באבע, זאל זיין געזונט. איך געדענק אז זי האט עפעס געהאט נאך אינדערהיים, פאר'ן קריג מיט דער באבע פון דעם חתן. גיי ארויף, געב איר די גוטע געפיל כאילו דו פרעגסט איר."

דער אינגערמאן שמייכלט צו זיך און פארשפרעכט פאר די באבע אז ער וועט אזוי טון. ער האט אזוי געטון און ב"ה אלע צדדים זענען געווען צופרידן. צומארגנס איז געווען א מזל טוב! א לחיים!

דער איד איז ארויף צו זיין רב און אים באדאנקט פאר דער גוטער עצה און אים דערציילט, ווי די מאמע האט טאקע געמיינט אז מען פרעגט איר, און אזוי אויך די באבע און עלטער באבע.

דאסמאל האט דער רב זיך צושמייכלט און אים געזאגט, "און דו האסט אויך געמיינט אז מען פרעגט דיר! דו האסט געמיינט כאילו 'דו' טוסט א שידוך. אבער דער אמת איז אז דער שידוך וואלט געשען מיט דיר און אן דיר, מען האט דיר נאר פון הימל געגעבן די זעלבע געפיל וואס דו האסט געגעבן פאר דיינע באבעס, כאילו מען פרעגט דיר!"

א פרוי האט מיר איין טאג געזאגט, "אויב מען זאפט זיך נישט אן מיט אמונה אין די יונגע יארן, איז ביטער שווער צו טון שידוכים." די קאפ דרייעניש, די ספיקות, די נאכווייען, עס איז נישט פשוט.

איך בין געווען ביי א שידוך שליסן פון א נאנטן משפחה מיטגליד. א מינוט נאך דעם שידוך רופט זיך די מחותנ'סטע אן צו מיר, "פארוואס האב איך געטון דעם שידוך? איך האב געזאגט כסדר אז איך וויל נישט דעם שידוך!"

איך האב געביסן די צונג און



געטראכט צו זיך, "דו האסט גארנישט געטון. דער אייבערשטער טוט, מאכט און פירט."

ענדליך האב איך מיטגעהאלטן ביי א שידוך וויאזוי די מחותנ'סטע האט ארומגערופן פאר אינפארמאציע און געהערט "פונקט וואס זי וויל נישט." דאס זענען געווען זאכן וואס האבן איר געוועונליך געשטערט און זענען געווען קעגן איר השקפה.

איך בין געשטאנען אין דער זייט און געזען ווי דער אייבערשטער פירט די וועלט. די מחותנ'סטע האט אויף יעדע זאך געטראפן א לימוד זכות און געזען חן דערין. דאס איז געווען נפלאות הבורא. יעדער האט געמוזט הייבן הענט און זאגן "מה' יצא דבר." פונעם אייבערשטן איז די זאך!

צומאל זעט מען די שטריכן פון יד ה' צו אונזער נארישע מענטשליכע שכל, אבער פיל מער מאל איז עס פארהוילן פון אונז.

דעם אייבערשטנ'ס חשבונות דארפן נישט שטימען צו אונזערע פארשמירטע מוחות. מיר גלייבן באמונה שלימה אז אלעס אלעס איז דער אייבערשטער.

נישט נאר ביי שידוכים, נאר ביי יעדן פרט פון לעבן. נישטא וואס צו זארגן, א שאד די סטרעס. חבל אויף די אלע טעג און יארן וואס מען פארברענגט מיט "דאגות". דעם אייבערשטנס רצון וועט ממילא אויסגעפירט ווערן, איז א שאד זיך שווער צו מאכן דאס לעבן.

גיי א טענצל, זינג און טאנץ, לויב און דאנק און לאז דעם אייבערשטן פירן זיין וועלט, צי עס שטימט יא מיט דיין קליינעם, נארישן שכל און נאך בעסער, ווען עס שטימט נישט!

דער הייליגער רבי האט אונז שוין געזאגט, "ביי דער וועלט איז אמונה א קלייניגקייט, ביי מיר איז דער עיקר אמונה."

אמונה איז נישט א פארשטויבטע זאך וואס, ווי דער ראש ישיבה זאגט, "מען שלעפט ארויס פסח ביים סדר."

אמונה איז די "עסענס", די חיות פון א איד. אמונה איז אונזער אטעם און אונזער "פולס". אז מען נעמט עס אריין אין די יונגע יארן, אדער אין א זמן ווען אלעס גייט מיט אונז רואיג, דאן קען מען אדורכשווימען יעדע תקופה מיט אזא זיסקייט.

איינע פון די זאכן וואס האבן מיך זייער געכאפט אין היכל הקודש איז געווען די רואיגקייט, זיסקייט, פרייליכקייט (די תוצאות פון לעבן מיט אמונה) מיט וועלכע מען גייט צו צו א שמחה.

איך האב געזען א נייע ערשיינונג. מחותנים גייען צו צום שמחה מיט שמחה! קומענדיג קע"ה פון א גרויסע משפחה פון ביידע זייטן, טו איך מיטהאלטן ב"ה חתונות יעדן שני וחמישי. דאס ווייסט "יעדער" אז די וואכן ארום די חתונה טאר מען נישט רעדן צו די מחותנים. איך וויל נישט זאגן אז די שטוב זעט מער אויס ווי א בית... (מען דארף נישט קלאפן יענעם כדי זיך צו הייבן...)

אבער איך מיין אז איר פארשטייט וואס איך מיין. קען זיין דאס איז נאר אין מיין 'סירקל'? איך ווייס נישט. אבער דער סטרעס, דער לחץ, די אנגעשטרענגקייט ווערט געהעכערט אין גראד ווי נענטער מען קומט צו דער שמחה. מען טראכט צוויי מאל פאר'ן רופן א מחותנ'סטע די וואך פון דער חתונה און מען דארף ארומגיין ווי אויף 'עגשעלס' (אייער שאלאכץ).

א נאנטער משפחה מיטגליד האט זיך אויסגעדרוקט צו מיר ערגעץ צווישן דריי און פיר פארטאגס ביי איינע פון די "מצוה" טענץ פון מיינע ניכטעס, "וואס זאל איך דיר זאגן? דאס לעבן ווערט שווערער און שווערער. איך ווייס נישט. חתונה מאכן קינדער איז עכטע צער גידול בנים. הער אויס דעם "עדוויס" (קלוגע שכל) פון איינעם עלטער פון דיר. כאפ אריין ווילאנג די קינדער זענען נאך יונג. די רואיגע צייטן ווערן אויס. איך ווייס מען טאר נישט אזוי רעדן, אבער א שמחה איז א שווערע דורכגאנג." (און דאס האב איך געהערט פון א פרוי וואס ווייקט זיך אין גרינע דאלארן.)

מיין בלוט דרוק איז מיר ארויף. איך האב געטראכט אז מען מוז פארפלייצן די וועלט מיט דעם רבי'נס עצות. צוויי מאל איז מיר אויסגעקומען צו רעדן צו מחותנים פון היכל הקודש ביום החתונה און ביידע האבן מיר ערשטוינט. רואיג, פרייליך, זארגלאז, דאנקבאר, פול מיט שבח והודאה.

דאס האט מיר זייער זייער געכאפט. אזוינס האב איך נאך נישט געזען!

לאמיר מאכן תפילה און נאך תפילה ביז מיר וועלן זוכה זיין אריינצונעמען גרויסע דאזעס פון אמונה אין זיך. און ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס געזאגט, "דער רבי גיט אונז א מדריגה, און דערצו לייגט ער צו א לייטער פאר אונז."

וויאזוי איז מען זוכה צוצוקומען צו אזא לויטערע קריסטאלענע אמונה? דורך התבודדות. עפענען דאס מויל און אביסל שמועסן מיטן אייבערשטן. דאס רייניגט אונז, היילט אונז, דערהייבט אונז און זויבערט אונז! דער אייבערשטער זאל אונז געבן די זכיה צו לעבן מיט שמחה א גאנץ יאר און מאכן אידישע שמחות מיט אמת'ע שמחה!

# רעסעפי פון אינדערהיים



# Elegant Acai Board

By: S. Levy

2 bags frozen strawberries

1 bag frozen mango

1 bag frozen red dragon fruit

1 packet acai (not full bag just single packet)

1 bananas

1/4-1/2 cup orange juice

Blend in a food processor till smooth and pour into a Lucite tray.

(Can also be done individually)

Top with granola on both sides of tray and a choice of small cut up fresh fruit in the center, for example, mango, strawberry, kiwi, pineapple... Place fruit in columns to create elegant board.

Freeze until needed, making sure to defrost a little earlier it shouldn't be too frozen.

**Delicious homemade granola:**

3 cups oats
1 cup oatbran
3/4 cup slivered almonds
1/2 cup honey
1/2 cup oil
Optional:
3/4 cup sunflower seeds
2 tsp vanilla extract
Chocolate chips

Mix by hand, lay flat on a cookie sheet, bake on 325-350 for 30-35 min, mixing every 10 min to make sure it doesn't burn.
Perfect topping for your acai, yogurt, ice cream etc. Enjoy!

ס'איז הייס
אינדרויסן? ווילסט
אפקילן די גאס??
ס'נישט מעגליך!
קענסט דיר אליינס
אפקילן, נעם עפעס
אריין אין דיר זיך
אביסל אפקילן, די
יצר הרע ברענט אין
גאס? ווילסט אים
אויסלעשן? ס'נישט
מעגליך! דו טו
עפעס אז דו
זאלסט נישט ווערן
פארברענט

מ. פעדער




# בליטשקעדיגע שטיינדלעך

שמערל איז געווען א בלוטיגער ארעמאן, זיין פעדלעריי ביזנעס האט נישט אריינגעברענגט צו אן ערנסטע הכנסה, די גאנצע וואך פלעגט ער זיך דרייען צווישן די דערפלעך מיט זיין פושקע שמאטעס און פראבירן צו פארקויפן מציאות און מאכן אפאר גראשן.

אזוי מיט זיינע צוריסענע שיך און צעריבענע קליידער פלעגט ער זיך ארומדרייען טאג נאך טאג האפנדיג אויף א בעסערע מארגן.

זיין ווייב און קינדער האט ער נאר געקענט זען שבת, וואס דאס איז געווען די איינציגסטע טאג אין וואך אין וועלכע ער האט געקענט רוהען און פארברענגען אביסל מיט זיין משפחה.

איין טאג דערגרייכט זיינע אויערן א שמועה, ער הערט רעדן וועגן א שטאט וואו עס וואלגערן זיך דיאמאנטן אויף די גאסן, מען קען זיך פשוט אראפבייגן און אויפהייבן דיאמאנטן פון די ערד.

שמערל הייבט זיך אן נאכצופרעגן אויף די שמועה, און ער הערט אז דאס איז אמת.

ערגעץ ווייט אוועק, געפונט זיך א שטאט וואו עס וואלגערן זיך דיאמאנטן און מען קען פשוט קומען און נעמען.

שמערל איז פול מיט גליק, ענדליך קומט שוין די ענדע צו זיין ארימקייט, ענדליך וועט ער שוין קענען שפייזן זיין פאמיליע מיט א ברייטקייט.

ער הייבט אן צאמצוקלייבן א פרוטה צו א פרוטה אויף צו קענען דעקן די קאסטן פון די רייזע.

אפאר וואכן זענען אריבער און מען דערגרייכט שוין דעם טאג, די שיף לאזט זיך ארויס אויפן לאנגען וועג צאזאמען מיט שמערל.

ביים פארט שטייען אלע זיינע באקאנטע וועלכע שאקלען מיט די הענט זיך צו געזעגענען פון שמערל וועלכער שטייט אויפן דעק פונעם שיף וואס דערוווייטערט זיך נאר מער און מער.

די רייזע איז געווען א לאנגע און א שווערע אבער שמערל איז גליקליך, יעדן טאג פארן דערנענטערט אים נאר צו זיין גליק.

ענדליך, נאך ענדלאזע און שווערע וואכן קומט שוין אן די גליקליכע מינוט, די שיף אנקערט ביים פארט פונעם אומבאקאנטן שטאט.

שמערל זוכט אויף אן אכסניא וואו ער זאל קענען אביסל שלאפן און צוריקקומען צו זיך נאכן שווערן וועג, איינמאל ער איז שוין אויסגערוט גייט ער ארויס אויפן גאס אויסצופירן די ציל פארוואס ער איז געקומען.

צו זיין פרייד זעט ער אז יא, עס איז טאקע וואר, אויפן ערד וואלגערן זיך טאקע שיינע בליטשקעדיגע דיאמאנטן.

ווי פארוואונדערט ווערט ער זעענדיג ווי קיינער ווערט נישט איבערראשט פון די דיאמאנטן, קיינער שענקט עס אפילו נישט קיין בליק, עס זעט נישט אויס ווי די דיאמאנטן אינטערעסירן איינעם, נאר זיי ווערן צעטראטן אונטער די פיס פון די שטאט'ס מענטשן וועלכע גייען ווייטער אן מיטן טאג.

שמערל נעמט די גרעסטע זאק וואס ער האט נאר מיטגעברענגט מיט זיך, ער בייגט זיך אראפ צום ערד און הייבט אן צאמנעמען.

ווען מיטאמאל הערט ער א געלעכטער, ער דרייט זיך אויס צום ריכטונג און זעט א יונגער מענטש וועלכע ווייזט מיטן פינגער אויף אים און אלע מענטשן ארום אים לאכן.

שמערל פארשטייט נישט וואס די געלעכטער באדייט.

פון אלע זייטן פון גאס זעט ער ווי מענטשן באטראכטן אים מיט חוזק, וויבאלד זיי רעדן אין א אנדערע שפראך האט ער נישט פונקטליך פארשטאנען וואס זיי זאגן אבער פון זייערע בליקן דערקענט זיך ווי זיי שפעטן פון אים.

שמערל גייט עס נישט אן. אמת זיי פארשטייען נישט די טייערקייט און חשיבות פון די בליטשקעדיגע שטיינדעלעך וואס ער נעמט צאם, אמת זיי לאכן און חוזק'ן אפ, זיי מיינען ער איז אראפ פון זינען, זיי קוקן אים אן מאדנע, אבער ער ווייסט אז מיט די שטיינדעלעך שפארט ער זיך אפ דאס ארימקייט, און דאס הונגער פאר זיין משפחה.

ווען ער וועט אנקומען צוריק אין זיין שטאט, צו אלע זיינע באקאנטע און פריינט, דארט וועט מען פארשטיין די חשיבות פון די דיאמאנטן, דארט וועט ער ווערן גרויס חשוב און רייך, איז פון אביסל חוזק און געלעכטער זאל ער זיך דערשרעקן? דאס ביסל ליצנות וועט אים נישט אפשטעלן צו דערגרייכן דאס רייכטום.



ווען דער הייליגער רבי איז צוריקגעקומען פון א"י האט ער געזאגט פאר זיינע תלמידים "איך האב ענק געברענגט א מתנה -מחלוקת", ווייל אזוי קומט עס, אז עס זאל זיין מחלוקת אויף צדיקים.

ווי עס ווערט דערציילט אין ספר פעולת הצדיק אז דער הייליגער צדיק רבי ברוכ'ל זכותו יגן עלינו איז געווען ביים רבינ'ס ברית, און פיגא עלי' השלום - דעם רבינ'ס מאמע האט געבעטן איר ברודער דער הייליגער צדיק רבי ר' ברוכ'ל: "ברוכ'ל - אזוי האט זי אים גערופן - וואונטש אן פארן קינד אז מען זאל נישט קריגן אויף אים", האט דער הייליגער צדיק רבי ברוכ'ל איר געענטפערט: "פייגעלע דאס קען נישט זיין, עס איז פארפאלן, מען מוז קריגן אויף אים". ווייל דער צדיק וואס האט די כוחות צוריק צו ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן - אויף אים מוז זיין מחלוקת, ווייל נאר אזוי איז עס מיט אן אמת.

וויפיל דארף מען וויינען צום אייבערשטן אויף די גלות השכינה, אז די שכינה הקדושה איז אזוי פארשעמט, אפילו ערליכע אידן קוקן אויפן רבי'ן מיט ביטול, דער רבי איז פארשעמט.

דער רבי זאגט שוין (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן רכח) אז אזוי מוז זיין, דער רבי זאגט: "דַּע שֶׁכְּשֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בִּנְשָׁמָה שֶׁתּוּכַל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", ווען דער אייבערשטער זעט א נשמה וואס האט די מעגליכקייט צוריק צו ברענגען מענטשן צום אייבערשטן, "וְלַעֲשׂוֹת גֵּרִים", און צו מאכן גרים, "אֲזַי הוּא יִתְבָּרֵךְ בְּעַצְמוֹ כִּבְיָכוֹל", גייט דער אייבערשטער אליין, "מְבַקֵּשׁ וְרוֹאֶה שֶׁיִּהְיֶה מַחֲלֹקֶת עָלָיו", און זוכט און זעט עס זאל זיין מחלוקת אויף די נשמה, ווייל נאר אזוי איז עס מיט אן אמת.

ווייל אזוי ווי ווען משיח וועט קומען און די גוים וועלן קומען און זאגן מיר ווילן זיך מגייר זיין, איז די הלכה אז דעמאלט נעמט מען מער נישט קיין גרים, נאר דער וואס איז געקומען ווען עס איז געווען שווער, אין גלות, און ער האט זיך מגייר געווען - נאר דער וועט קענען זיין ביי די סעודה מיט משיח, אזוי אויך דער צדיק וואס האט די מעגליכקייט צוריק צו ברענגען אידן צו אייבערשטן - מוז זיין אויף אים מחלוקת. וויפיל דארפן מיר דאנקען דעם אייבערשטן אז מיט אזעלכע התנגדות האבן מיר די זכיה אז מיר זענען יא אנגעקומען צום רבי'ן, און מיר זענען נישט קיין מתנגדים. (נאכגעשריבן פון א בריוו שנת תשפ"ה)

אמת יעצט איז דער רבינ'ס נאמען פארשעמט, אמת יעצט איז ברסלב א פארשעמטע זאך, מען ווערט פארשעמט פון פאמיליע, פריינט, שכנים פארן האבן די זכיה צו געהערן צו ברסלב'ע חסידות. אבער מיר וועלן זיך שטארקן מיט די ווערטער וואס רבי נתן האט זיך געשטארקט ווען ער איז געווען אויפן וועג צו זיין זונ'ס חתונה און די מתנגדים האבן אים אפגעווארט מיט שטעקענעס און שטיינער.

> עס בעט נישט אויס ווי די דיאמאנטן אינטערעסירן איינעם, נאר ביי ווערן צעטראטן אונטער די פיס פון די שטאט'ס מענטשן.

די כלה'ס משפחה האט גערופן די פאליציי, און ביזדערווייל איז רבי נתן אנטלאפן אין וואלד, ווען די פאליציי האט געמאכט סדר איז מען געגאנגען זוכן רבי נתן האט מען אים געטראפן זיך מתבודד זיין מיט די ווערטער: "הייליגער באשעפער, ווער אין דער וועלט באקומט אזא קבלת פנים ווי איך? אפילו ווען דער פשוט'ער וואסער טרעגער מאכט חתונה זיין זון באקומט ער נישט אזא קבלת פנים, רבונו של עולם וואס קומט מיר אזא קבלת פנים? איז דאס נאר ווייל איך אנטפלעק דעם הייליגן רבינ'ס גרויסקייט און זיינע עצות פאר די וועלט".

נאכדעם האט רבי נתן זיך מחזק געווען מיטן רבינ'ס ווערטער: "אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט, וועט מען זען ווען משיח וועט קומען" די ווערטער האט ער געזונגען צו זיך נאכאמאל און נאכאמאל מיטן ניגון פון אשת חיל.

דאס איז אונזער חיזוק, אמת יעצט איז דעם רבינ'ס נאמען ליידער פארשעמט, יעצט זעט מען נישט אין דאס חשיבות, אבער צוליב די ביסל ליצנות און חוזק וועלן מיר נישט אפלאזן אלע גוטע זאכן וואס מיר באקומען דא, אלע דיאמאנטן וואס מיר נעמען זיך צאם טאג טעגליך, אזא רבי וואס געבעט אונז אזא שיינע לעבן וועלן מיר קיינמאל נישט אפלאזן.

דארט אויף יענע וועלט קוקט מען אנדערש, דארט זעט מען אין וואס איז אמת'דיג חשוב.

יעצט מאכט מען טאקע חוזק פון אונזערע דיאמאנטן, מען זעט נישט אין די חשיבות דערפון, מען צעטרעט עס מיט די פיס, אבער יא "אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט וועט מען זען ווען משיח וועט קומען".




# צוימען

צמח און בלימי גרין האבן געקויפט א נייע הויז אויף א שיין שטיקל לאנד. זיי זענען געווען זייער צופרידן. מיט פריילעכע הערצער האבן זיי אריינגעמופט און געזאגט אמן אויף די אלע ברכות הבית וואס מען האט זיי אנגעוואונטשן.

ס'האט גענומען עטליכע וואכן פאר צמח און בלימי זיך אויסצופאקן און זיך באקוועם מאכן אין זייער נייע הויז. אלע באקסעס זענען שוין געווען אפגעפירט דורך די מיסט-קאמפאני, און זיי האבן זיך ב"ה ארייגעזעצט אין א געוויסער רוטין.

בלומי האט זייער ליב געהאט זיך ארויסצוזעצן אויפן פארטש און הנאה האבן פונעם שיינעם פעלד ארום איר הויז, וואס איז געווען ארומגענומען מיט הערליכע גרינע גראז און ביימער. אבער שנעל איז בלומי נמאס געווארן פון זיך ארויסזעצן הנאה האבן פון אירע פעלדער.

זי האט געזען ווי א משפחה הערשן האבן זיך באקוועם געמאכט אין איר שיינעם גארטן, און דאס האט איר ווייט נישט געשמעקט. בלומי איז א מיידל וואס קומט פון שטאט, וואו מען זעט נאר געפלאסטערטע גאסן, הייזער און טרעפיק, און וואו עס דרייען זיך נישט קיין חיות אונטער די פיס.

איין אוונט באגריסט זי איר מאן צמח – נאך איידער ער האט באוויזן אויפצוהענגען זיין רעקל – מיט א געשריי: "איך קען נישט לעבן אין א וואלד, אין א 'זו' מיט חיות!"

צמח האט נישט געוואוסט וואס האט אים באטראפן.

"איך קען נישט צולאזן אז ביי אונז, אויף מיין אייגענע פראפערטי, זאלן קומען באשעפענישן און זיך באקוועם מאכן, און נאך דערצו איבערלאזן אזא גרויסע שמוץ. עס שמעקט מיר בכלל נישט!" האט בלומי געשריגן.

"היינט אינדערפרי," גייט בלומי ווייטער, "האב איך זיך געוואלט ארויסזעצן אויפן פארטש מיט מיין קאווע, אריינכאפן אביסל פון די גוטע וועטער, אבער ביים ארויסקומען האב איך געזען א גאנצע משפחה הערשן. איך בין שנעל אריינגעלאפן און מיין גאנצע אינדערפרי איז געווארן צושטערט. עס איז אדער איך אדער זיי," ענדיגט זי צו.

משפחת גרין האט אראפגערופן א קאמפאני וואס זאל זיי העלפן זיין ארומגענומען מיט די שיינע בריאה פונעם אייבערשטן, אבער בלויז מיט די גרינע חלקים דערפון. זיי האבן געראפן א צוים קאמפאני צו ארומצוימען דאס גאנצע פעלד אונטער זייער הויז און נישט צולאזן קיין שום בעל חי, כדי בלומי גרין זאל קענען זיצן און הנאה האבן פונעם גרינעם פעלד וואס זיי האבן זיך אויסגעוועלט ביים קויפן די הויז, אן ווערן געשטערט אדער דערשראקן (פארעקלט) פון די הערשן, מויזן, קעצלעך און טשיפמאנקס וואס דרייען זיך געווענליך אין א פריי פעלד.

מאנטאג אינדערפרי איז אראפגעקומען די גרופע ארבעטער און זיך גענומען צו די עבודה. זיי האבן אנגעהויבן גראבן, האקן און קנאקן, און געלייגט טיפע פאנדאמענטן צו בויען א הויכע צוים. אזוי האבן זיי געארבעט א גאנצן טאג און באפעסטיגט דאס גרינע פעלד אין בעקיארד פון משפחת גרין, עס אפצוהיטן פון אומגעוואונטשענע און אומגערופענע געסט וואס האבן ליב זיך צו דרייען אין אזעלכע שיינע פעלדער ווי דאס פעלד פון צמח און בלומי גרין.

ס'זענען נישט אריבער קיין טאג-צוויי, און די צוים האט אנגעהויבן צוברעכן. בלומי רופט צוריק די קאמפאני וואס האט געמאכט די צוים מיט טענות, און בעט זיי זאלן עס שוין קומען פאררעכטן. ס'איז געווען אזא פראוויזארישע צוים געמאכט פון שלאק-סחורה באפעסטיגט מיט שטארקע אייזענעס. די קאמפאני האט אראפגעשיקט אן ארבעטער וואס האט תיכף געוואוסט וואס צו טון צו פאררעכטן די פראבלעם.

ער נעמט ארויס א דזשילעט פון טאש און געבט א שנייד אריין אין די שלאק אויף דריי באזונדערע פלעצער. "יעצט," זאגט ער פאר משפחת גרין, "וועט די פראבלעם מער נישט פאסירן. די ווינט וועט קענען דורכבלאזן די לעכער וואס איך האב יעצט געמאכט, און אזוי וועט די צוים מער נישט איינברעכן."

צופרידענערהייט האט משפחת גרין צוגעקוקט ווי א ווינטל קומט ממש אויספרובירן וואס עס וועט געשען, און טאקע אזוי איז געווען.

אויפצומארגן זעצט זיך בלומי נאכאמאל ארויס צופרידענערהייט מיט א ווארימע קאווע אינדערפרי. זי איז אזוי פריילעך אז זי וועט שוין קענען ווייטער הנאה האבן פון איר שיינע פעלד, אומגעשטערט פון די אומגערופענע געסט. אבער צו איר גרויס באדויער זעט זי ווי פון די דאזיגע לעכער קוקט ארויס א גרויסער דערוואקסענער הערש, ממש ווי איר צו טשעפן.

בלומי בארואיגט זיך אז ס'איז נאר א קאפ וואס שטעקט זיך אריין און נישט די גאנצע בעל חי קומט איר דא שטערן. זי טרינקט ווייטער צופרידענערהייט, און טרייסט זיך אז דא וועט מער קיין שום בעל חי נישט קענען אריינקומען.

זי האלט שוין ביי די לעצטע שלינג פון איר קאווע און גרייט זיך



## איין אונט באגריסט זי איר מאן צמח — נאך איידער ער האט באוויזן אויפצוהענגען זיין רעקל — מיט א געשריי: "איך קען נישט לעבן אין א וואלד, אין א צו מיט חיות!"

אריינצוגיין, אבער פלוצלינג הערט זי א גערודער. זי דרייט זיך אויס צו זען וואס האט פאסירט, און פאר אירע אויגן זעט זי א משפחה הערשן, איינס ביי איינס, שפרינגען דורך דעם לעכעריגן שניט וואס מ'האט נעכטן געמאכט אינעם צוים, און זיי זענען ווידעראמאל דא אין איר פעלד.

גלייך אויפ'ן פלאץ, מיט טענות און געשרייען, רופט זי אן די קאמפאני וואס האט געמאכט דעם צוים און פארלאנגט מען זאל עס שוין קומען איבערמאכן.

זיי זענען צוריקגעקומען צום דריטן מאל, און געלייגט אן אייזערנעם געיט וואס האלט זיך שטארק און פעסט.

בלומי האט אפגעאטעמט, און הנאה געהאט צו פארברענגען אין איר רואיגן בעקיארד אומגעשטערט - דערווייל...

### עס גייט אדורך אפאר וואכן...

א מאדנע געשריי הערט זיך פון די זייט פון די גרין'ס הויז. דאס קול האט אנגעהאלטן פאר א פאר שעה, ביז צמח איז ארויסגעגאנגען קוקן וואס דער מאדנע גערודער איז. עס האט געמאכט אזא סארט קול, עפעס אזוי ווי א קאץ אדער א פייגל וואס טשיפקעט, אבער עס איז געווען אן אנדערע סארט געוויינערריי צו וואס זיי זענען נישט געווען געוואוינט.

ביים איבערקוקן די גאנצע פראפערטי, האט צמח ענדליך צוגעטראפן דעם מקור: נישט מער און נישט ווייניגער ווי ביי די "שעפט" (א קליינע אויסגעהוילטע לאך אין די ערד נעבן די הויז, כדי צו קענען ארויסקוקן פון א בעיסמענט פענסטער). ער בייגט זיך צו און הערט ווי דאס קול ווערט העכער. ווען ער איז צוגעקומען נאך נענטער, האט זיך דאס קול אפגעשטילט. צמח בייגט זיך אריין קוקן אינעם אויסגעהוילטן לעכל נעבן זיין הויז.

א קליין פיצי הערשל, וואס האט נישט געקענט זיין מער ווי א טאג-צוויי אלט, איז געווען געפאנגען אין יענעם לאך. עס קוקט אויס אז ביים פרובירן צו שפאצירן איז דאס הערשל אריינאלן דארט און האט נישט געהאט קיין וועג ארויסצוקריכן. די קולות זענען געווען די געוויין פון דעם קליין פיצקעלע, ווייס-געפינטלטן הערשל.

נאך עטליכע שעה פון געוויין, האבן חברים אינאיינעם באפרייט דאס קליין הערשל זיך צו פאראייניגן מיט די באזארגטע מאמע-הערש וואס איז געשטאנען דערנעבן און געהאקט מיט די פיס פאר פיין און זארג.

מען קען נישט האלטן קיין מלחמה מיט'ן אייבערשטן! מען קען פרובירן צו בויען טורעמס, לייגן סם קעגן עפעס וואס געפעלט נישט אדער עפעס וואס שמעקט נישט, אבער עס איז זייער וויכטיג צו געדענקען אז "עצת ה' היא תקום" - צום סוף וועט זיין פונקטליך וויאזוי דער אייבערשטער וויל! עס איז נישטא קיין וועג ארום דעם אייבערשטנ'ס ווילן.

עס איז זייער וויכטיג צו בעטן די תפילה: "הייליגער באשעפער, העלף מיר אז איך זאל ווערן נאר וואס דו, אייבערשטער, ווילסט, און איך זאל זיין צופרידן מיט וויאזוי דו, אייבערשטער, מאכסט", ווייל צום סוף וועסטו סייווי דארפן איינזען אז דער אייבערשטער איז "מלא כל הארץ כבודו", און עס העלפט נישט זיך צו קריגן קעגן זיין ווילן.

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: "אויב באדערן, באדערט מיר אסאך זאכן; צוליב דעם באדערט מיר גארנישט". שטענדיג קענען זאכן באדערן, ווייל מיר געפינען זיך אין א וועלט וואס נארט, ממילא וועט שטענדיג זיין זאכן וואס גייען נישט וויאזוי מיר ווילן, אבער דאך ווען מיר ווילן אזוי ווי עס גייט, ווייל דער אייבערשטער מאכט נאר גוטס.

עס איז דא איין עצה, א קליין מייזן-לאך דורך וואו מיר קענען זיך אריינשמאגלען אינעם בית דין של מעלה: דאס איז דורך תפילה. ווייל מיט תפילה שפאלט מען הימלען און מען ברעכט דורך אייזן; און אז מען באוואסערט עס נאך מיט טרערן איז דאך זיכער גוט, ווייל שערי דמעות לא ננעלו..

ת. אשרי

# די וועג ארויס

איך האב געזען מיט מיין אייגענע אויגן,

מיטגעהאלטן, ווי מיין מאן האט זיך געבויגן.

אנגעהויבן האט זיך עס אלס יונגע מיידל,

איך האב געהערט אפאר שיעורים, און געמאכט א גאנצע דריידל,

איך זאל קענען חתונה האבן מיט א בחור פון ישיבה,

דאס איז געווען מיין ווילן, די דאזיגע סביבה,

פון וואו איך וויל א מאן באקומען,

און צוזאמען אונזער לעבן אדורך שווימען.

מיט מניעות, און איבערגייאכל פיל,

האב איך דערגרייכט דעם אומגלויבליכן ציל,

אין א מזל'דיגע שעה, מיר האבן חתונה געהאט,

און צוזאמען, אין honeymoon געלעבט א קורצע שטיק צייט.

נאך א ווייל, האבן מיר זאכן אנגעהויבן צו שטערן,

איך האב געזאגט פאר מיין מאן, וואס ער וואלט ווען פון מיר קיינמאל געדארפט הערן.

איך האב אפגעפרעגט, זיך גע'עקש'נט, און פארשטאנען בעסער,

אויך אסאך זאכן וואס די צדיקים וואס זענען גרעסער,

פארשטייען אנדערש, ווייל זיי זעהען ווייטער,

אבער מיט מיין קליינע שכל, האב איך פון דעם זיך געוואלט געבן א פטר.

איך האב מסביר געווען פאר מיין מאן אז נישט אלעס איז ממש אזוי,

און אפילו מען טוט אביסל אנדערש ווערט מען נאכנישט א גוי,

איך האב אים אויפגעוויזן אז עס שטימט נישט פונקטליך אלעס וואס מען זאגט,

און פראבירט אים צו 'גרינגער' מאכן זיין עבודת ה', מיט וואס ער האט זיך ליבליך געפלאגט.

טאג נאך טאג האב איך געגראבן א גרוב,

ווייבאלד מיין מאן האט טאקע מיר אזוי ליב,

האט ער אנגעהויבן קומען מיט מיר,

טיפער און טיפער ביים שאול תחתית'ס טיר.

צוזאמען האבן מיר זיך דארטן געווייקט פאר א שטיק צייט,

אבער, אן א צדיק ווערט אלעס איבערגעדרייט,

דארט אין די זומפ איז קיין ליבשאפט נישטא,

קיין לעבן, קיין מוט, פאר קיין איין שעה,

קריגערייען, טרערן און ווייטאג, האבן געפלאסן,

איך האב געמיינט אונזער וועג צוריק איז שוין לאנג פארשלאסן.

===

נאך א שטיק צייט,

דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט,

ער האט געלאזט די שטראלן פון די זון אריינשיינען אדורך,

די פינסטערע גרוב טיף אינעם ערד'ס מארעך.

איך האב געזען, ס'איז פאר מיר נישטא קיין וועג,

נאר אויסהערן דעם קול צדיק- וועט צוריקברענגען די גליקליכע טעג,

איך האב אנגעהויבן אויסהערן א שיעור נאך א שיעור,

ווען ס'איז געווען אזוי שווארץ פאר מיר.

ווי נאריש, ווי קינדיש, בין איך געווען,

האב איך יעצט ביים אויסהערן די שיעורים איינגעזען,

איך האב געמיינט אז איך בין גרעסער,

איך האב געמיינט אז איך פארשטיי בעסער.

איך האב געמיינט אז איך ווייס שוין אלעס וואס מען פארקויפט דא,

איך האב אבער נאכנישט איינגעזען אז מען דארף אויסווארטן די שעה,

עס נעמט צייט די עצות זאל זיך אנקלעבן,

עס נעמט צייט עס זאל טוישן א מענטש'נס לעבן.

עס נעמט צייט צו אנהייבן טון די עצות גענוי,

און דא בין איך געווען אן איוולת, אזא נארישע פרוי!

מיט מיינע אייגענע הענט מיין שטוב געלייגט צוגרינד,

יעצט האלט איך שוין נאך א קינד.

איך עס מיך מיינע יארן,

איך עס מיך וואס איך וואלט זיך געקענט פארשפארן,

ווען איך האלט ווען מיין מויל פארמאכט,

אפילו ווען ס'האט אויסגעקוקט אומפארשטענדליך, אדער 'נישט ריכטיג' האט זיך מיר געדאכט.

וואס זאל איך יעצט טון?

וויינען אין גרוב?

אדער איז דא אן עצה פאר מיך געוויס?

אנהייבן זוכן פון יעצט דאס פונטעלע גוטס.

בשעת איך הער די שיעורים נעם איך די עצות פאר מיך,

איך בין שוין נישט פארנומען צו טראכטן,
'ווער וואלט הנאה געהאט פון דאס הערן'
אויב בין איך ווען אין יענעמ'ס שיך,
איך הייב אן פאלגן די עצות פון צדיק,
זוכן אביסעלע גוטס,
נאר דאס וועט ברענגען די אמת'ע חן צוריק.

יעדן טאג אפאר מינוט איך נעם אראפ,
איך בעט דעם אייבערשטער אז איך זאל זיך מער נישט לאזן פאפן אפ,
נאר זוכה זיין צו תמימות און אמונת חכמים,
ווייל דאס איז דאך די שליסל צו לעבן ווי א תמים,
איך זוך די ברעקעלעך גוט'ס, ביי מיין מאן, וועם איך האב אויפגעהערט שעצן,
איך לויב עס אויס, און א שמייכל אויף זיין פנים עס טוט זעצן.

צוביסלעך הייב איך אן זען ווי זאכן טוישן זיך לטובה,
איך לאז זיך אפילו איבערצייגן פון חבר'טעס וואס מאכן קירוב קרובה,
פונדרויסן קען מען נישט דווקא מיטהאלטן,
וואס האט זיך אפגעשפילט אלס, אין מיין גרובן שפאלטן,
אבער איך טו אויסהערן, די חיזוק ווערטער,
וואס ווערט גערעדט אין אלע היכל הקודש ערטער.

איך נעם עס אן, איך שאף עס נישט גרינג,
און יעדן טאג קול ברסלב געב איך א קלינג,
דער ראש ישיבה'ס שיעורים בלאזן אין מיר אריין א פרישע חיות,
עס געבט מיר עצות, הדרכה, און אויך
א נייע אחריות.
איך זאל האלטן מיין שטוב, דורך קוקן און זען נאר די גוטס,
זיכער ביז א קורצע צייט, וועט אלעס וואס איך האב צוווארפן אויפגעבויעט ווערן צוריק,
ווייל מיט אביסעלע תפילות, סבלנות, און פאלגן א צדיק,
איז נישטא אזא זאך, ס'איז דערנאך, מ'קען אלעמאל דרייען די זייגער צוריק,
שכח אייבערשטער מיר זענען אויף א פלאץ וואס איז מחזיק,
עס פארלאנגט און עס מאנט,
געב נישט אויף, דיין ישועה איז זייער נאנט.

מעשיות פון פרויען, דער ראש ישיבה פארציילט כסדר,
וואס מיט זייער אייגענע הענט האבן זיי מקלקל געווען ליידער,
אבער מיט תפילה, סבלנות, און פאלגן יעדע דיבור,
האבן זיי זייערע מענער צוריק אויפגעהויבן, און געזיגט ווי א גיבור.

זיי האבן גרויסע ישועות געזען,
ניסים אין זייער משפחה איז געשען,
א מאן, א קינד, אדער עלטערן אפילו,
מקורב געווארן פון פריש אדער פונדאסניי, פון איין פרוי'ס תפילה.

===

איך רעד צו דיר מיין טייערע שוועסטער,
איך רעד צו מיר- איך שריי עס פעסטער.
איך רעד צו ווער עס וויל עס הערן,
ווייל עס איז שטענדיג דא צייטן וואס א מענטש טוט אפגעשוואכט ווערן.
געב נישט אויף,
באוי זיך פון פריש,
דער רבי האט געשריגן מיט א שטארקע קול,
אין שום יאוש בעולם כלל.
עס איז נאכנישט דערנאך,
ס'איז נישטא אזא שווערע דורך ברוך,
כאפ זיך צוריק, האלט זיך שטארק,
עס לוינט עס לוינט, אנצוקומען צום סיני בארג,
עס נעמט אביסל צייט,
עס נעמט סבלנות, מיט טרערן אין די זייט.
אבער דיינע תפילות דערהייבן דיר טאג טעגליך,
ערלויבט דיר אנצוקומען צום שפיץ בארג, וואס קוקט אויס אומעגליך.

אין יעדן דור איז דא אן אמת'ער צדיק ווי משה רבינו,
מיר דארפן נאר אויסשרייען,
טאטע אבינו, פיר מיך אויפן ריכטיגע וועג,
כאטש עס איז שווער, עס נעמט פיל טעג,
וויל איך אבער אויך מקבל זיין פונעם צדיק די תורה,
אנעמען די עשרת הדברות וואס דו האסט געגעבן, הייליגער בורא.

ביים בארג סיני האבן אלע קלאר געזען,
אז נאר פונעם צדיק האט מען מקבל געווען,
העלף מיר טאטע, לעבן מיט די ידיעה,
מיין שטוב זאל זיין געבויעט, מיט דעם ראיה,
אז תורת משה קען מען אויספירן,
נעשה ונשמע קען מען זוכה זיין צו שפירן,
דורך נאכגיין צדיקים וואס טוען קיינמאל פארפירן.




קאליר דעם בילד - יארצייט פון די וואך

צעקס פיס, צוויי הענט, א באַרד און א ווידל
- צום שמייכלען

איבערלאָזן אביסל עסן
- צום שמייכלען

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **ר׳ יחזקאל רוטה זצ״ל**



בילד פון פארגאנגענע וואך: **דער הייליגער אהבת ישראל זי״ע**



שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע ווערן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי"ה



# מענטשערליך

**אסתי** לֵייג אַרַיין דִי קִינְדֶערְ'ס וֶועשׁ אִין וַואשׁ מַאשִׁין אוּן צִינְד עֶס אָן" הָאט אִיר מַאמֶע גֶעבֶּעטְן, אֶסְתִּי אִיז גֶעלָאפְן מִיט חֵשֶׁק צוּ טוּעֶן וָואס אִיר מַאמֶע הָאט גֶעבֶּעטְן. זִי הָאט אוֹיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ צוּטֵיילְן דִי אִיבֶּערִיגֶע וֶועשׁ אוּן אַוֶועק לֵייגְן דִי וֶועשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טְרוּקְן, פוּן דִי פֶענְסְטֶער הָאט אֶסְתִּי גֶעזֶען וִוי אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס פַארְבְּרֶענְגְן גֶעשְׁמַאק אִינְדְרוֹיסְן. 'נָאר אִיךְ דַארְף אֵייבִּיג הֶעלְפְן'. אִיר יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעמַאכְט אַז אֶסְתִּי זָאל פַארְגֶעסְן וִוי פְרֵיילִיךְ זִי אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר צוּ הֶעלְפְן אִיר מַאמֶע, אוּן נָאר וֶועלְן אַרוֹיסְלוֹיפְן שְׁפִּילְן מִיר אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס, אֶסְתִּי הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעטְרַאכְט, אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן דִי וֶועשׁ, אוּן בִּיזְדֶערְוַוייל וַוייטֶער הֶערְן דִי שֵׁיינֶע מָשָׁל פוּן דִי הַאטְלֵיין אוּן דֶערְנָאךְ וֶועל אִיךְ גֵיין שְׁפִּילְן.

***

ר' זַלְמָן אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן, זַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעהוּנְגֶערְט פַאר בְּרוֹיט. נָאךְ פִיל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָעט עֶר גֶעטְרַאכְט פוּן אַן עֵצָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג צוּ זוּכְן אַרְבֶּעט, עֶר אִיז גֶעפָארְן דוּרְךְ פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער אָבֶער אִינְמִיטְן וֶועג הָאט עֶר זִיךְ פַארְבְּלָאנְדְשֶׁעט אוּן אַרַיינְגֶעפָארְן אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע, טוּנְקֶעלֶע וַואלְד. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן דִי וֶועג אַרוֹיס, דִי וַואלְד אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק פִינְסְטֶער, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן טָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין לִיכְטִיגְקֵייט דָארְט. ר' זַלְמָן הָאט עֶרְשְׁט מוֹרָא גֶעהַאט אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אֱמוּנָה, עֶר הָאט אַ גַאנְצֶע צַייט גֶעטְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵייבִּיג מִיט אִים, סַיי וֶוען עֶס אִיז לִיכְטִיג אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז טוּנְקְל.

נָאךְ אַפָּאר טֶעג פוּן פָארְן אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ בֶּערְג אוּן טָאל, טְרַאכְט ר' זַלְמָן צוּ זִיךְ. 'עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גֶעוֶוענְטְלִיכֶע פִינְסְטֶערְנִישׁ. אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הָרֵי הַחֹשֶׁךְ?' הָאט אִים אוֹיפְגֶעבְּלִיצְט אָן עֶנְטְפֶער צוּ דִי מִיסְטֶערִיעֶזֶע טוּנְקְלְקֵייט. דִי הָרֵי הַחֹשֶׁךְ זֶענֶען בֶּערְג וואוּ עֶס אִיז אֵייבִּיג טוּנְקְל. ר' זַלְמָן הָאט זִיךְ יֶעצְט זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן. עֶר הָאט צוּגֶעמַאכְט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן אִיבֶּערְגֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף אַ יֶעדֶע אָרְט." אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן וַוייטֶער גֶעפָארְן.

פוּנְדֶערְוַוייטְנְס הָאט עֶר גֶעזֶען עֶפֶּעס לִיכְטִיגְקֵייט, קוּמֶענְדִיג נֶענְטֶער הָאט עֶר גֶעזֶען אַ שְׁטָאט מִיט מֶענְטְשְׁן.

"וָואס זוּכְט אִיר דָא הָאט מר. טוּנְקְל, דֶער הוֹיפְּט פוּן דִי שְׁטָאט גֶעפְרֶעגְט "אִיךְ זִיךְ אַן אַרְבֶּעט", הָאט ר' זַלְמָן גֶעעֶנְטְפֶערְט, מר. טוּנְקְל הָאט אִים שְׁנֶעל גֶעטְרָאפְן אַן אַרְבֶּעט אוּן ר' זַלְמָן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אַוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט פַאר זַיין אָרִימֶע מִשְׁפָּחָה.

צְוֵויי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן הָאט עֶר גֶעזֶען אִין דִי טוּנְקֶעלֶע שְׁטָאט. דִי שְׁטֵיינֶער וֶועלְכֶע הָאבְן זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אוֹיפְן עֶרְד זֶענֶען גֶעוֶוען בְּלִיטְשְׁקֶעדִיגֶע דֵיימַאנְטְן אוּן קֵיינֶער הָאט זֵיי אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט, אָבֶער בִּילִיגֶע לִיכְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טֵייעֶר דָארְט. וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי טוּנְקְל הָאט יֶעדֶער גֶעדַארְפְט דִי לִיכְט אוּן גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ צָאלְן אַ סַאךְ גֶעלְט דֶערְפַאר.



בילדער ח. שטיינבערג



דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר טֶעג הָאט ר' זַלְמָן גֶעכַאפְּט דֵיימַאנְטְן צוּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶער יֶעדֶער הָאט גֶעלַאכְט פוּן אִים. "וָואס קְלוֹיבְּסְטוּ דָא? שְׁטֵיינֶער?" נוּץ דַיין צַייט פַאר בֶּעסֶערֶע זַאכְן. לֵייג אַוֶועק לִיכְט, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶוערְדְפוּלֶע זַאךְ דָא", הָאבְּן "קְלוּגֶע" מֶענְטְשְׁן אִים גֶע'עֵצָה'ט, ר' זַלְמָן הָאט גֶעפָאלְגְט, עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אַסַאךְ יָארְן צוּ פַארְדִינֶען גֶעלְט אוּן קוֹיפְן - לִיכְט! נָאךְ פִיל יָאר הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט אַ גַאנְצֶע קַאסְטְן אָנְגֶעפִילְט מִיט לִיכְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי לַאנְגֶע וֶועג אַהֵיים.

"טַאטִי אִיז דָא!" ר' זַלְמָנְ'ס קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפְן אִים בַּאגְרִיסְן. "קוּקְסְט קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ עֶנְק אַהֵיימְגֶעבְּרֶענְגְט, מִיר וֶועלְן מֶער נִישְׁט זַיין אָרֶעם". ר' זַלְמָן הָאט זֵיי גְלַייךְ גֶעוָואלְט וַוייזְן דִי טֵייעֶרֶע לִיכְט אוֹיף וָואס עֶר הָאט אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט. אַלֶע שְׁטָאטְ'ס לַייט הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ פַארְזַאמְלְט צוּ זֶען דִי טֵייעֶרֶע אוֹצְרוֹת פוּן ר' זַלְמָנְ'ס וָואגְן.

"וָואס אִיז דָאס, ר' זַלְמָן? לִיכְט?! פַאר דֶעם בִּיסְטוּ אַוֶועקְגֶעפָארְן אַזוֹי וַוייט, פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט?!" אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, "לִיכְט אִיז דָאךְ אַ בִּילִיגֶע זַאךְ, וואוּ אִיז דַיין גֶעלְט?! פַארְוָואס הָאסְטוּ זִיךְ גֶעלָאזְט נַארְן?"

ר' זַלְמָן הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי דֵיימַאנְטְן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אִין דִי גַאסְן פוּן דִי טוּנְקֶעלֶע שְׁטָאט. "אוֹי וְוי נַארִישׁ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען" הָאט עֶר גֶעוֵויינְט - "אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט כַאפְּן דֵיימַאנְטְן אַנְשְׁטָאט לִיכְט, אָבֶער יֶעצְט אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט".

"טַאטִי" - הָאט זַיין קְלֵיין קִינְד אוֹיסְגֶערוּפְן - "עֶפֶּעס בְּלִיטְשְׁקֶעט אִין דַיין רֶענְצְל, עֶס זֶעט אוֹיס וְוי אַ דֵיימַאנְט אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן דָארְט". ר' זַלְמָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייְדְט אַז עֶר הָאט כָאטְשׁ אֵיין דֵיימַאנְט, דִי לִיכְט הָאט עֶר בַּאגְרָאבְּן, וַוייל עֶס הָאט גֶעשִׁימְלְט נָאךְ אַזַא לַאנְגֶע וֶועג, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט אַזוֹיפִיל צַייט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן צוּ זַאמְלֶען בִּילִיגֶע לִיכְט, אוּן דִי אֵיין שְׁטֵיין הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

אֶסְתִּי הָאט גֶעזֶען דִי נִמְשַׁל לֶעבֶּעדִיג פַאר זִיךְ אִין וַואשׁ - צִימֶער. אוֹיף דִי וֶועלְט זֶעהְט אוֹיס וְוי חַבֶרְ'טֶעס, שְׁפִּילְצֵייג אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען זֶענֶען זֵייעֶר טֵייעֶר, יֶעדֶער וְויל הָאבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ פוּן דֶעם, קֵיינֶער קוּקְט אֲפִילוּ נִישְׁט אָן דִי דֵיימַאנְטְן - מִצְוֹת, וֶועלְכֶע וַואלְגֶערְן זִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד. הֶעלְפְן אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע, מַאכְן בְּרָכוֹת, קִישְׁן דִי מְזוּזָה, זֶענֶען זֵייעֶר טֵייעֶרֶע דֵיימַאנְטְן וָואס יֶעצְט זֶעעֶן זֵיי אוֹיס אַזוֹי קְלֵיין אוּן בִּילִיג, אָבֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֵייְדְט זִיךְ דִי נְשָׁמָה אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ יֶעדֶע דֵיימַאנְט וָואס זִי הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט.

אֶסְתִּי הָאט פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט גֶענוּמֶען דִי בֶּעזֶעם אִין אִיר הַאנְט. עֶס זֶענֶען דָא דֵיימַאנְטְן וֶועלְכֶע וַואלְגֶערְן זִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד. זִי וֶועט זֵיי צוּזַאמְנֶעמֶען. אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס וֶועלְן דַארְפְן וַוארְטְן נָאךְ אַבִּיסְל.

נִישְׁט נָאר אֶסְתִּי זַאמְלְט זִיךְ אָן דֵיימַאנְטְן, יֶעדֶע אִידִישֶׁע אִינְגְל אוּן מֵיידְל זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט דֵיימַאנְטְן. הָאסְט זִיךְ גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער הַיינְט צוּפְרִי? אַ דֵיימַאנְט! הָאסְט גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה בַּיים דוּרְךְ גֵיין דִי טִיר? אַ דֵיימַאנְט! הָאסְט בַּאגְרִיסְט דַיין מַאמֶע? אַ דֵיימַאנְט! הָאסְט אַ קַאפְּל, צִיצִית, פֵּיאוֹת? אַ דֵיימַאנְט! בִּיסְטוּ אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג וְוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ אִידִישֶׁע מֵיידְל? אַ דֵיימַאנְט!

קֶענְסְטוּ אוֹיסְרֶעכֶענֶען וִויפִיל דֵיימַאנְטְן דוּ הָאסְט שׁוֹין הַיינְט אַיינְגֶעזַאמְלְט?



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ר | מ | כ | א | ס | ו | כ | ט | ש |
| ט | ג | ז | כ | ע | ו | י | א | ג | ט |
| ס | ת | ה | ל | ע | ל | ד | י | י | י |
| ג | ח | א | צ | י | ה | ע | י | מ | ז |
| י | ז | י | י | נ | ה | פ | ב | פ | ה |
| ט | ד | ר | נ | א | ט | כ | ע | נ | ג |
| כ | פ | ע | ו | פ | י | צ | ר | ע | ד |
| י | מ | צ | מ | ל | מ | ז | ש | ק | ט |
| ו | ר | כ | י | פ | מ | ע | ט | ת | ת |
| ו | א | י | ת | ט | י | ע | נ | מ | ב |
| ז | ר | ג | א | ד | פ | ו | נ | ט | ר |
| פ | ע | ה | ש | ט | ע | ב | א | ר | ש |
| י | ס | ר | ש | ל | א | ו | י | ב | ח |
| ת | מ | י | י | ה | ש | ו | ר | נ | פ |
| ו | נ | י | ה | ס | מ | ל | ו | ש | ט |
| ת | ו | כ | ת | נ | ח | ד | נ | א | ח |
| ו | ק | ו | ח | צ | ה | ש | ע | נ | ס |

בעט דעם אייבערשטן אויף שמחה, ווייל זיין פריילך איז די וויכטיגסטע זאך; א מענטש קען אלעס האבן, אויב איז מען נישט פריילך – וואס האט מען פון די לעבן?...

*(עצתו אמונה בהעלותך תשפ"ג)*

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**

יאוש

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: "דעם ספר האט מיך געמאכט פאר א איד"

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי האט געזאגט: ווען מען בעט עפעס דעם אייבערשטן דארף מען בעטן מיט רחמנות, מען טאר זיך נישט**

א. עקשנ'ען
ב. גרויס האלטן
ג. האלטן קליין
ד. מאכן טרויעריג

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

הושענא רבה איז דער עיקר דאס זאגן, שבועות איז דער עיקר דאס אויף זיין

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך האט זעקס פיס, צוויי הענט, א בארד און א ווידל?**

געברענגט צו אייך דורך דער קיפה וואס האט אויסגעטיילט פופציג אלפים פארלאפענעם פסח

## א שטיקעלע ספר המדות

אֲכִילָה

**א. מִמַּה שֶׁאַתָּה אוֹכֵל תְּשַׁיֵּר, כְּדֵי שֶׁיָּחוּל בִּרְכַּת הַשֵּׁם בִּמְזוֹנוֹתֶיךָ.**

סַיי וָואס דוּ עֶסְט, זָאלְסְטוּ אַלְץ אִיבֶּערְלָאזְן אַבִּיסְל פוּן דִי עֶסְן, אַזוֹי וֶועט זַיין אַ בְּרָכָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין פַּרְנָסָה.



# היימיש

א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

## גרינע גראז

"מיר פארן דאס יאר צו גרינשטיין'ס!" האט פערי אויסגערופן מיט א שמחה.

"אמת'דיג?! איך קען דאס נישט גלייבן. דאס יאר וועט זיין א זומער צום געדענקן!" האט ראכי אויסגערופן.

פערי האט געשמייכלט צו איר חבר'טע מיט גליק. "נו, דו קענסט מיר שוין פארציילן אלע מורא'דיגע זאכן פון קאנטרי."

"אה... די צייט ביז קאנטרי איז צו קורץ דערפאר!" האט ראכי געלאכט, "אבער דו וועסט זיך נאך באקענען מיט אלע גוטע זאכן און איינזען אז עס איז מער ווי דו מיינסט."

ראכי פרייליך איז אלעמאל געווען גוט אויפגעלייגט. איר נאמען האט איר גוט געפאסט. ביי ראכי איז אלעמאל אלעס געווען געשמאק און ספעציעל... זי פלעגט אלעמאל פארציילן ווי גוט זי פארברענגט אין קאנטרי יעדעס יאר. פערי האט איר מקנא געווען פערי פלעגט אויך גיין אין קאנטרי יעדעס יאר. אבער ביי זיי איז קיינמאל נישט געווען עפעס עקסטער. אמת, זי האט זייער ליב געהאט די מיידלעך און זיי האבן אלעמאל שיין פארברענגט, אבער נישט אזויווי ראכי פלעגט פארציילן. און פערי האט שוין קוים געקענט ווארטן צו גיין אינעם גליק קאנטרי פון וועלכע ראכי רעדט כסדר.

די לעצטע פאר וואכן פון סקול זענען פאריבער פאר פערי ווי א ווינט. זי האט קוים געקענט ווארטן אויפ'ן טאג ווען זיי וועלן זיך ארויסלאזן אויף די וועגן.

פערי האט קוים געהערט אירע לערערינס געזעגענען. זי האט נישט געדענקט אויב זי האט זיך געזעגענט פון אירע חבר'טעס אדער נישט. זי האט נאר געקוקט צו ראכי און איר מח איז שוין לאנג געווען ביי גרינשטיין'ס. מיט שפרינגעדיגע טריט האט זי פארפאקט איר רעפארט קארד און אויסצייכענונג און אהיימגעלאפן די קורצע וועג ביז איר הויז. פערי האט נישט געפילט די שוויס טראפנס און די שטיקעדיגע שטאטישע לופט. זי האט נאר געזען גרינשטיין און אירע הערליכע גראז.

די מאמע האט זיך מחי' געווען מיט איר גרויסע טאכטער. פערי איז געווען זייער בייהילפיג דאס יאר פאר קאנטרי. זי האט ערלעדיגט אלעס וואס עס האט זיך אויסגעפעלט מיט א ברייטע שמייכל.

ענדליך ענדליך האט מען פארפאקט אלע באקסעס און זיך אריינגעזעצט אין קאר. די לאנגע נסיעה האט זיך אנגעהויבן און די קליינווארג האבן שוין געבעטן צו עסן. אויך די גרויסע פערי האט נישט



געקענט איינזיצן. זי האט געווארט מיט שפאנונג צו זען דעם גרויסארטיגן קאנטרי פון וועלכע ראכי רעדט כסדר.

נאך דריי לאנגע שעות זענען זיי ענדליך אנגעקומען אהין, פארמאטערט און מיד. פערי איז די ערשטע ארויסגעשפרינגען און זיך ארומגעקוקט איינמאל און ווידעראמאל. זי האט געבלינקט מיט די אויג. זי איז געווען זיכער אז זיי זענען נישט אין די גוטע פלאץ. גרינשטיין'ס האט נישט אויסגעזען צופיל אנדערש ווי שבת אחים, זייער אלטע קאנטרי. די גראז איז געווען האלב פארברענט און די ביימער האלב אפגעשטארבן. די באנגעלוי'ס זענען געווען אלט און אפגעשיילט. זי האט זיך ארומגעקוקט אומזיכער, "מאמי, מיר זענען אין די גוטע פלאץ?" האט זי געפרעגט מיט שטוינונג.

"יא, פערעלע," האט די מאמע געזאגט מיט זיכערקייט, "און דארט," האט זי געוויזן מיט די פינגער, "דארט נומער 16 איז אונזער זומער הייזקעלע."

פערי האט געקוקט דארט ווי די מאמע האט אנגעוויזן און איר פנים איז איינגעפאלן. די באנגעלוי איז גארנישט בעסער ווי פאראיאר. 'מן הסתם האט ראכי עפעס א הערליכע באנגעלוי.' האט זי געטראכט מיט פארדרוס. פערי האט אבער נישט געהאט צופיל צייט צו טראכטן. יעצט האט זי געדארפט העלפן אויספאקן אלעס. די ארבעט איז שוין נישט געגאנגען מיט די זעלבע געשמאק ווי ביז יעצט, אבער באין ברירה האט זי דאס סייווי געטון. פערי האט באטראכט די באנגעלוי. די פעינט האט זיך געשיילט און די דאך פון איר צומער האט זיך אביסל געבויגן. ביים עק פון קאך האט זי באמערקט א שפין-געוועב און זי האט זיך פאר'מיאוס'ט דערפון.

נאך א לאנגע טאג פון פאקן און אויספאקן האט די מאמע ערלויבט פאר פערי זיך צו גיין באקענען מיט אירע נייע זומער חבר'טעס.

פערי איז ארויס מיט א שעמעדיגע מינע און געמאסטענע טריט. פונדערווייטנס האט זי געזען ראכי אינדערמיט פון א רינג מיט מיידלעך. ראכי האט איר באמערקט.

זי האט שטארק געפאכעט מיט די הענט און געוויזן פאר פערי זיך צו דערנענטערן צו זיי.

"דאס איז מיין חבר'טע פערי." האט זי פריילאך איינגעמאלדן פאר אירע זומער חבר'טעס. פערי האט געשפירט א ווארעמע געפיל פון פריינטשאפט נעמט איר ארום.

"פערי, וויאזוי געפינסטו זיך דא? ענק האבן א שיינע באנגעלוי. איך מיין אז אין דיין צומער איז דא הערליכע פינקע בלומען געפארבט אויף די וואנט." האט ראכי געזאגט מיט א גלאנץ אין די אויגן."

פערי האט זיך פארטראכט, "אייגנטליך איז ראכי גערעכט. איך געדענק טאקע עפעס." זי האט זיך געוואונדערט פארוואס זי האט עס נישט באמערקט ביז יעצט.

פערי האט זיך ארומגעקוקט אויף די גרופע. זיי האבן אויסגעזען בא'טעמ'טע זיסע מיידלעך אין איר עלטער. זי האט זיך ארומגעקוקט אויף די גראז און באמערקט פיל אפגעברענטע חלקים. זי האט אויך געזען שטחים פון בלויזע זאמד. אבער דאן האט ראכי זיך אנגערופן, "קוק נאר יענע געלע בלומעלעך." און פערי האט געקוקט און געזען. זי האט זיך נאר געוואונדערט פארוואס זי האט עס נישט געזען ביז יעצט.

ביינאכט ווען פערי איז אריין אין איר צומער האט זי באטראכט די פעינט אויף

# היימיש

איר וואנט. עס איז טאקע שיין געווען. אויפצומארגנס איז איר ראכי געקומען אפנעמען.

"איך גיי דיר ווייזן אונזער דאוונען פלאץ." האט זי איר געזאגט מיט א פינק אין די אויגן. "דארט איז לופטיג און באקוועם. מיר זינגען אלע אזוי שיין אינאיינעם."

פערי איז איר נאכגעגאנגען שטילערהייט. אויפ'ן וועג האט איר ראכי געגעבן א 'טור' פון די קאנטרי. "דא איז די סווינג פון וועלכע איך האב דיר פארציילט." פערי האט עס באטראכט. זי האט נישט ערווארטעט דאס צו טרעפן. ראכי האט עס אראפגעלייגט מיט אזויפיל טעם אז זי האט געמיינט אז זי גייט דא טרעפן א מעכטיגע פארק. ראכי האט אבער נישט ליגנט געזאגט. אין אירע אויגן איז עס באמת געווען געשמאק און פערי האט נישט געהאט דאס הארץ איר צו צוקלאפן.

זיי זענען אנגעקומען צו דאס דאווענען פלאץ. אין פערי'ס אויגן איז דאס געווען א חורבה. אבער ראכי האט געזען א לופטיגע רואיגע פלאץ.

ראכי האט געהערט פייגעלער זינגען מודה אני און פערי האט געהערט קוויטשערייען וואס פארייבן די אויערן.

אזוי איז אריבער א טאג און נאך איינס. עס האט געדויערט פאר פערי אפאר טעג איינצוזען וואס דא גייט פאר. זי איז נאך געווען צעמישט און האט געפרעגט איר מאמע דערוועגן.

"מאמי, פארוואס איז ראכי אייביג פריילין. אלעס ביי איר איז גוט און ספעציעל. איך האב איר אייביג מקנא



געווען אז זי פארט אין אזא מורא'דיגע קאנטרי אבער יעצט אז איך בין דא בין איך אינגאנצן צעמישט. איך זע נאכנישט מיט וואס דאס איז בעסער פון שבת אחים. ראכי איז נישט קיין ליגנער. זי איז פשוט פריילין מיט אלעמען. וויאזוי?" די מאמע האט זיך צעשמייכלט און פארטראכט. דערנאך האט זי ארויסגענומען א פלעסטיג בעג פון איר טאש. "זאג מיר, פערעלע, וואס איז דאס?" האט זי געפרעגט.

"א בעג." האט זי געענטפערט.

"קוק גוט." האט די מאמע געזאגט.

פערי האט זיך איינגעקוקט. זי האט אבער נאר געזען א בעג. די מאמע האט נישט אויפגעגעבן. זי האט איר געדרוקט ווייטער צו קוקן.

"אה, איך זע! איך זע אן אויער-רינגל." האט זי זיגרייך דעקלערט. די מאמע האט געשמייכלט. "דו פארשטייסט?" האט זיך ליבליך געפרעגט, "עס זענען דא מענטשן וועלכע זעען א בעג. און אנדערע זעען דעם צירונג." די מאמע האט געשמייכלט,

"ראכי זוכט דעם צירונג. און זי טרעפט עס!" האט די מאמע אויסגעפירט.

פערי האט זיך פארטראכט. זי האט שוין ווידער מקנא געווען ראכי. "מאמי איך בין איר מקנא..."

"פערעלע, דאס איז א גוט סארט קנאה... קנאת סופרים תרבה חכמה! אז דו ביסט איר מקנא וועסטו איר נאכמאכן."

"אבער וויאזוי ?" האט פערי געפרעגט.

"דורך זוכן די גוטס. מען דארף מאכן טערעפי דערצו! אין יעדע מצב, זוך אויף וואס איז יא גוט דערין, אזוי וועסטו זיך אויסלערנען צו טרעפן און אנערקענען די גוטס אין יעדע זאך."

פערי האט גענומען די לערע צום הארצן. סוף זומער ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין סקול האט שיינדי זיי געפרעגט, "נו וויאזוי איז געווען דעם זומער אינאיינעם?"

"אויסנאם!!" האבן ביידע געענטפערט אינאיינעם... אויפריכטיג!

# קליין און שיין




רפאל פפנהיים




רפאל פפנהיים



הערשי יאקאבאוויטש



תלמוד תורה קרית יואל



לאה ברוין



שרי שטיינבערג



שלמה אינדיג



שלום פארקאש



משפחת כץ און יאקאבאוויטש



משפחת ראטה



פערעלע מיטטעלמאן



מלכי יאקאבאוויטש



משפחת לאנדא



משפחת היימליך



משפחת ווערטהיימער



נחמה און שלום פליישמאן



פייגי און גיטי טעסלער



רבקה יאקאבאוויטש



רבקה יאקאבאוויטש



גיטי ראטה



רבקה יאקאבאוויטש – שילוח הקן



שלמה יאקאבאוויטש